# דער פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

קרח

מכון באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
ווערכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**

©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# קרח

**יפה נדרשת - מיט די ריכטיגע אמונה טוט מען פאַרמיידן מחלוקת און כעס**

**ויקח** קרח וגו'. זאָגט רש"י (פון מדרש תנחומא) "פרשה זו יפה נדרשת".

**רש"י** וויל דאָ מרמז זיין, אַז מ'דאַרף "גוט דרש'ענען" די פרשה פון קרח און די מחלוקת וואָס ער האָט אונטערגענומען קעגן משה רבינו ע"ה[א], און וויסן זיך צו דערוויטערן פון מחלוקת ווי ווייט מעגליך[ב], ווי די תורה וואָרנט בפירוש (יז, ה) "ולא יהיה כקרח וכעדתו", אַז מ'טאָר נישט האָבן מחלוקת מיט אַנדערע אידן, אַזוי ווי קרח און זיין עדה האָבן געהאַט.

**באַטש** מיר האָבן נישט באמת אַ השגה אין די מחלוקת פון קרח ועדתו[ג], אָבער די תורה שרייבט דאָך די גאַנצע מעשה כדי אונז צו לערנען דאָס וואָס ס'איז נוגע פאַר אונז, צו אַנטלויפן פון קנאה און מחלוקת.

**צו אַלעם ערשט**, דאַרף מען אָבער האָבן אמונה אין באַשעפער, ווייל אַלע קריגערייען און סכסוכים נעמען זיך פון דעם וואָס עס פעלט אמונה און בטחון אין דעם באַשעפער. דאָס איז דערפאַר, ווייל יעדער מענטש זאָרגט זיך דאָך פאַר זיך און פאַר זיין פרנסה, און ער היט זיין אייגענעם "געהויבענעם" כבוד, ווי איינער וואָס היט די קרוין פונעם קעניג בכבודו ובעצמו... ממילא,

---

**א.** אַזוי שרייבט דער "פרי מגדים" זצ"ל, אין זיין ספר "תיבת גומא" (פ' קרח, ד"ה "קהלת") "אומרים הלצה", מ'זאָגט אַ ווערטל, אַז דערפאַר איז "פרשה זו יפה נדרשת", ווייל מיר ווייסן דאָך אַז "דבר בעתו מה טוב" - יעדע זאַך איז גוט אין זיין צייט, אָבער ווען ס'איז נישט אין זיין צייט, איז נישט גוט צו רעדן וועגן דעם. צום ביישפיל, צו רעדן אין פסח די דינים פון סוכות אָדער יום כיפור... אָבער די "פרשה" פון מחלוקת, "יפה נדרשת" - וועגן דעם קען מען אייביג "דרש'ענען", "כי אין שעה שאין מחלוקת, והכל בזמנו" - ווייל עס איז נישט דאָ אַ צייט וואָס עס פלאַקערט נישט ערגעץ אַ מחלוקת, און ממילא איז עס אייביג 'זיין צייט'... עכ"ל.

**ב.** כ"ק מו"ח אדמו"ר מזוטשקא זצ"ל האָט געזאָגט אַ שיין וואָרט אויף דעם וואָס יעקב אבינו ע"ה האָט געבעטן (בראשית מט, ו) "בקהלם אל תחד כבודי", זאָגט רש"י (דאָרט, און אָנהייב היינטיגע סדרה) אַז יעקב האָט מתפלל געווען אַז זיין נאָמען זאָל נישט דערמאַנט ווערן ביי די מחלוקת פון קרח. אָפט מאָל נעמט זיך אַ מחלוקת צווישן קהילות, צוליב דעם "נאָמען" פונעם ראש השושלת, וואָס יעדער איינער וויל האָבן דעם נאָמען פאַר זיך... וועגן דעם האָט יעקב אבינו ע"ה געבעטן, "לא יזכר שמי על המחלוקת" - "מיין נאָמען" זאָל נישט זיין אַ טייל פון די מחלוקת... ווען קרח זאַמלט איין זיינע מענטשן קעגן משה און אהרן, זאָל מען זיך נישט קריגן וועגן מיין (יעקב'ס) נאָמען...

מענין לענין, אַרום פופציג יאָר צוריק, האָבן די קינדער פון אַ חשוב'ן רב וועלכער איז אַוועק פון דער וועלט ל"ע, זיך געקריגט אַרום זיין ירושה, און זיי זענען געגאַנגען האַלטן אַ דין תורה פאַר אַ בית דין. איין נאַכט, האָט דער רב זיך באַוויזן אין חלום צו זיינס אַ גוטן פריינט - אַ צווייטער חשוב'ער רב - און איהם געזאָגט, אַז יעדעס מאָל ווען מ'דערמאַנט זיין נאָמען ביי דעם "דין תורה" וועגן זיין ירושה, ווערט ער פאַרוואָגלט פון זיין מקום מנוחה. דעריבער האָט ער געבעטן זיין פריינט דעם רב, ער זאָל זיך ווענדן צו זיינע קינדער, זיי זאָלן זיך היטן נישט צו דערמאַנען דעם טאַטן'ס נאָמען אין משך פון דעם דין תורה...

דער צווייטער רב האָט טאַקע איבערגעגעבן פאַר די קינדער פון זיין ידיד וואָס זייער פאָטער האָט איהם געזאָגט אין חלום, און ס'איז איבעריג צו זאָגן, אַז נאָך דעם ווי די קינדער האָבן געהערט וועגן דעם חלום, האָבן זיי שלום געמאַכט צווישן זיך.

**ג.** עס איז דאָך באַקאַנט אַז קרח איז געווען אַ גרויסער צדיק. ער איז געווען פון די "טועני הארון" (מענטשן וואָס האָבן געטראָגן דעם ארון אין מדבר) - אַ מדרגה צו וועלכע נישט יעדער איינער איז זוכה, און דער אריז"ל שרייבט (ספר הליקוטים, תהילים, סימן צב) אַז לעתיד לבא וועט קרח זיין גאָר גרויס, און עס איז מרומז אין פסוק (תהלים צב, יג) "צדי'ק כתמ'ר יפר'ח" סופי תיבות קר"ח. פונדעסטוועגן, האָט די תורה אַראָפּגעשריבן די פרשה פון קרח, כדי אונז צו לערנען דעם ריכטיגן וועג, אַז מ'זאָל נישט צולאָזן נעבן זיך אַפילו אַ שמץ פון אַ מחלוקת, נאָר מ'זאָל אַנטלויפן דערפון ווי ווייט מעגליך.

אויב עמיצער וועט קומען און אָנרירן זיין כבוד אָדער זיין פרנסה, און אפילו אויב עס "דאַכט" זיך איהם נאָר אַז אַזוי איז געווען, דאַרף ער דאָך שוין מקנא זיין "קנאת ה' צבקות"... און אַזוי ווערט אונטערגעצונדן אַ פייער פון מחלוקת רח"ל.

**אויב** דער מענטש גלייבט אָבער באמונה שלימה אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט, ווייסט ער דאָך אַז זיין גאַנצער גורל איז אין באַשעפער'ס הענט, און קיינער קען גאָרנישט אַוועקנעמען פון איהם. אַלעס וואָס ער האָט ביז יעצט מצליח געווען אין פרנסה און אַנדערע ענינים, איז נאָר דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן די הצלחה. ממילא, וואָלט ער נישט נתפעל געוואָרן ווען אַנדערע זענען איהם גורם אַ שאָדן אָדער אַן עגמת נפש וכדומה, ווייל ער ווייסט דאָך אַז גאָרנישט פאַסירט נישט פון זיך אַליין[ד], אָדער דורך

---

**ד.** דער "דברי ישראל" זי"ע פון מאָדזשיץ, זאָגט טאַקע (ליקוטי דברי ישראל", ד"ה "ויקח קרח") אויף דעם פסוק "ויקח קרח בן יצהר בן קהת בן לוי", אַז קרח'ס טענה איז געווען, ווייל ער האָט זיך איינגערעדט אַז "מ'נעמט זיך אַליין". דער מענטש קען אַליין נעמען כבוד און שררה, ער האָט נישט פאַרשטאַנען אַז "לך ה' הגדולה", די גרויסקייט קומט פונעם באַשעפער, און נאָר דער אויבערשטער קען שטאַרקן יעדן איינעם. דעריבער איז ער אָנגעקומען דאָרט וואו ער איז אָנגעקומען, און איז אַריין לעבעדיגערהייט אין שאול תחתיות רח"ל.

מיט דעם, טייטשט דער "דברי ישראל" די ווערטער פון דער גמרא (תענית כה.) "משמיא מיהב יהבי, משקל לא שקלי" - פון הימל גיט מען, אָבער מען נעמט נישט צוריק וואָס מ'האָט שוין געגעבן. זאָגט דער "דברי ישראל", פון הימל גיט מען פאַר דעם מענטש אַלעס וואָס איז פאַר איהם באַשטימט. "משקל לא שקלי" - דער מענטש קען נישט אַליין נעמען אַ זאַך וואָס מ'האָט איהם נישט געגעבן פון הימל, געלט, כבוד, א.ד.ג. ער באַקומט אַלעס וואָס איז פאַר איהם באַשטימט פון הימל.

איינער פון אונזער חבורה אין בית שמש, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געהאַלטן פאַר'ן חתונה מאַכן זיין טאָכטער בשעטומ"צ, און זייענדיג ענג אין געלט, איז ער געווען געצוואונגען אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, כדי מזכה צו זיין אידן מיט די מצוה פון "הכנסת כלה". ער האָט אויך נישט איבערגעהיפּט אויף דעם מנהג צו נעמען אַ "דרייווער", וועלכער פירט אַרום די משולחים און נצרכים צו נדיבי עם.

דערציילט ער, אַז עס האָט זיך צו איהם צוגעטשעפּעט איינער וואָס איז געווען אַ "גבר אלים", פון די מענטשן וואָס "פייפן" אויף יעדן און טענה'ן שטענדיג "כולה שלי"... אַלעס קומט מיר... אַלזאָ, יענער נצרך האָט "באַפוילן" פאַר אונזער יונגערמאַן, אַז יעדע שול וואו מ'וועט אָנקומען, גייט ער אַריין ערשט, און ערשט נאָך דעם ווי ער וועט זיין "פאַרטיג", מעג ער אויך מאַכן אַ "סיבוב" אין יענע שול... כאָטש דאָס איז געווען נישט ווייניגער ווי חוצפה און עזות פנים, האָט אונזער טייערער יונגערמאַן געשוויגן און נישט געזאָגט אַ וואָרט.

איין פרימאָרגן, איז דער "גבר אלים" אַרויס פון שול, נאָכ'ן צוזאַמענשטעלן געלט דאָרט, און אונזער יונגערמאַן איז אַריין נאָך איהם. אַרויסקומענדיג פון דאָרט, איז דער יונגערמאַן געווען גאָר פריילך, און ווען זיי זענען אָנגעקומען צו די קומענדיגע שול, און דער "גבר אלים" איז אַריין פריער, ווי זיין שטייגער, האָט דער יונגערמאַן דערוויל געוויזן פאַר'ן "דרייווער" פאַרוואָס ער איז אַזוי פריילך... ער האָט איהם געוויזן אַז אין פריערדיגן בית המדרש, האָט ער באַקומען פון אַ איד אַ "טשעק" פון 1,800 דאָלאַר. דער "דרייווער" וועלכער האָט געקענט דעם איד וואָס האָט איהם געגעבן אַזאַ שיינעם "טשעק", האָט זיך זייער געוואונדערט דערויף, ווייל ער איז נישט געווען באַקאַנט אַלס איינער פון די גאָר רייכע אידן אין שטאָט. ווען דער דרייווער האָט זיך נאָכגעפרעגט, האָט ער אויסגעפונען אַז יענער איד האָט פונקט געענדיגט אַ געשעפט, וואו ער האָט גאָר שיין פאַרדינט, און ער האָט גענומען אויף זיך, אַוועקצוגעבן דאָס "מעשר-געלט" פאַר'ן ערשטן נצרך וואָס וועט אונטערקומען.

אויף די פראַגע פונעם "דרייווער", דאָרט איז דאָך געווען נאָך אַ נצרך (ער האָט געמיינט דעם "גבר אלים" וואָס האָט איבעראל גענומען פאַר זיך דעם "זכות קדימה"...), פאַרוואָס האָט ער איהם נישט געגעבן דאָס געלט? דער נדבן האָט נישט געוואוסט וואָס ער וויל פון איהם... צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פונקט אין די מינוטן ווען דער ערשטער נצרך איז אַרומגעגאַנגען איבער די טישן זאַמלען געלט, איז דער נדבן געווען אין בית הכסא, און ער האָט איהם נישט געזעהן...

עמיצן אויף דער וועלט, נאָר "כי הוא אמר ויהי", הוא ציוה ויעמוד"[1].

הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט, אַז אַ איד וואָס לעבט מיט אמונה אין באַשעפער,

---

קומט אויס, אַז דער "גבר אלים" האָט זיך איינגערעדט אַז ער קען פאַר זיך ערלעדיגן, "אני ראשון" - איך קום פריער ווי יעדער איינער... דערוויל האָט מען אונטערגעפירט פון הימל, אַז יעדער איינער זאָל באַקומען "זיינס" אין דער ריכטיגער מינוט, און קיינער קען עס נישט אַוועקנעמען ביי איהם. אדרבה, דאָס "זריזות" פונעם ערשטן, האָט גאָר גורם געווען אַז די שיינע סומע פון 1,800 הונדערט דאָלאַר, זאָל גאָר אָנקומען צום צווייטן "בעתו ובזמנו"...

**ה.** דער הייליגער רוז'ינער זי"ע האָט געטייטשט (געברענגט אין ספר "אמרי פנחס" השלם, שער עבודת ה', אות סב) די ווערטער פון די חז"ל (חגיגה ד.) "איזהו שוטה המאבד כל מה שנותנים לו". ווער איז אַ שוטה? דער מענטש וואָס פאַרלירט די ידיעה אַז אַלעס וואָס ער האָט, איז עס בלויז וואָס "נותנים לו" - מ'גיט עס איהם פון הימל... דער מענטש קויפט זיך גאָרנישט אייגן אַליין, וויל אַלעס קומט פון דעם באַשעפער: "והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים".

פון דעם קומט אויס, אַז מ'דאַרף זיך מתבונן זיין אין די גרויסע חסדים פון דעם אויבערשטען, וואָס ער טוט מיט'ן מענטש צו יעדע צייט. אַלעס וואָס ער האָט איז נאָר פון די חסדים פון דעם אויבערשטען.

אַ חסיד האָט זיך אָפּגערעדט פאַר הרה"ק בעל "שפת אמת" זי"ע, אַז ער איז אַ גרויסער בעל חוב, און די חובות דערדריקן איהם שטאַרק. האָט דער "שפת אמת" איהם געזאָגט:

- וואָס קען איך דיר העלפן? דו ביזט דאָך אויך אַ גרויסער בעל חוב פאַר'ן באַשעפער. באַצאָל דיינע חובות "אין הימל", וועסטו האָבן צו באַצאָלן אויך די חובות "אויף דער ערד".

האָט דער חסיד געוואונדערט אויפ'ן רבי'נס ווערטער, און געפרעגט צו דער רבי מיינט אפשר די עבירות וואָס ער דאַרף תשובה טוהן דערויף. האָט דער "שפת אמת" איהם געענטפערט:

- איך האָב געמיינט די "חובות" וואָס מיר זאָגן, 'שכן חובת כל היצורים לפניך ה' אלקינו וכו' להודות להלל ולשבח...'. דאַנק און לויב דעם אויבערשטען, וועסטו זוכה זיין צו אַ ישועה, אַז דו וועסט קענען באַצאָלן אויך דיינע חובות אויף דער וועלט.

אַזוי טייטשט דער "תפארת שלמה" (פ' וירא) דעם פסוק (תהלים קז, א) "הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו", דורך דעם וואָס איר דאַנקט דעם אויבערשטען, זענט איר זוכה צו "כי טוב" - צו אַלע גוטע השפעות. דאָס וועט גורם זיין שפע אויף אייביג: "כי לעולם חסדו".

ענליכע ווערטער, שרייבן דער של"ה הקדוש (מסכת פסחים, מצה שמורה), און דער חיד"א ("דברים אחדים", דרוש לב, אות ב) אויפ'ן פסוק (תהלים קז, ח) "יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם". "חסדו" איז לשון יחיד (זיין חסד), און "נפלאותיו" איז לשון רבים (זיינע וואונדער). אויב מ'לויבט דעם אויבערשטען פאַר דעם חסד וואָס ער האָט געטוהן, אַפילו בלויז פאַר איין חסד, איז מען זוכה צו אַ סאַך ניסים ונפלאות. און נישט נאָר דאָס, נאָר "נפלאותיו" ווייזט אויף גרעסערע וואונדער ווי "חסדו", וויל דורך דעם וואָס מ'לויבט דעם אויבערשטען, איז מען זוכה צו נאָך און נאָך נסים ונפלאות.

עס איז ידוע אַז ביי חסידים זאָגט מען ערב שבת ביי מנחה מזמור ק"ז פון תהלים: "הודו לה' כי טוב". ווען יום טוב פאַלט אין שבת, זענען דאָ פאַרשידענע מנהגים אין די חסידישע "הויפן". אין טייל ערטער זאָגט מען יאָ "הודו" אויך יום טוב, און אין אַנדערע פלעצער זאָגט מען נישט דעם קאַפּיטל ווען יום טוב פאַלט אין שבת.

אַמאָל ערב שבת חול המועד, האָט מען געפרעגט דעם גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "לב שמחה" זי"ע, אויב מ'זאָגט "הודו לה'" ביי מנחה. דער "לב שמחה" האָט אָבער נישט געענטפערט אויף די פראַגע. האָט יענער געפרעגט נאָך אַמאָל דעם גערער רבי'ן, און ער האָט ווידער נישט געענטפערט. דאָס האָט זיך איבערגעחזר'ט עטליכע מאָל, ביז איינער האָט אויפגעקלערט פאַר דעם איד וואָס האָט געפרעגט דעם רבי'ן, אַז דער רבי קען נישט אַרויסברענגען אויף זיין מויל אַן ענטפער אַז "מ'זאָגט נישט הודו לה' כי טוב...".

דער וויזשניצער רב זצ"ל טייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען ("עזרת אבותינו"), "ונתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות". דאָס וואָרט "ונתנו" קען מען לייענען ביידע וועגן, אהין און צוריק (בעל הטורים שמות ל, יב). דאָס איז אַ רמז, אַז אויב די "ידידים" זינגען זמירות שירות ותשבחות פאַר'ן אויבערשטען, טוט דער אויבערשטער זיי אויך לויבן...

**ו.** מענין לענין באותו ענין, צוליב דעם טעם איז נישט כדאי צו מאַכן צופיל "השתדלות" פאַר פרנסה, וויל די פרנסה פון מענטש איז דאָך נאָר דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט פאַר איהם צוגעגרייט. אפי' אויב ער וועט

אַרבעטן פאַר פּרנסה טאָג און נאַכט, מיט אַלע כוחות, וועט ער נישט פאַרדינען אַפילו איין פרוטה מער, נאָר מ'דאַרף בלויז מקיים זיין די גזירה פונעם באַשעפער "בזיעת אפך תאכל לחם", אָבער ס'איז נישט דאָ אַ "חיוב" זיך משתדל צו זיין מער ווי מ'דאַרף... און אַוודאי טאָר מען נישט טוהן אַ השתדלות וואָס איז קעגן דעם באַשעפער'ס רצון.

עס ווערט דערציילט (געברענגט אין ספר "שר התורה", ע' 480) אַז אין דער תקופה ווען דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן צאָלן "ווידערגוטמאַכונג" (איבער-בעטונג געלטער) פאַר די אידן וואָס האָבן געשמאַכטעט אין זייערע קאָנצענטראַציע לאַגערן אין צייט פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, האָט אַ געוויסער רב, וועלכער האָט מיטגעמאַכט די לאַגערן, געקענט באַקומען פון זיי גאָר אַ גרויסן סכום געלט, נאָר פאַר דעם צוועק האָט ער געדאַרפט זאָגן אַ ליגנט, אַז ער האָט זיך געשמוגלט דורכ'ן גרעניץ צווי וואָכן שפּעטער ווי די אמת'ע צייט ווען ער האָט זיך געשמאָגלט. איז ער געגאַנגען פרעגן דעם בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, צו ער מעג דאס זאָגן, און עס זאָל הייסן אַ "השתדלות" פאַר פּרנסה. דער בריסקער רב האָט איהם אָבער נישט געוואָלט ענטפערן אויף זיין שאלה, נאָר ער האָט איהם אַריבערגעשיקט צום טשעבינער רב זצ"ל. האָט דער טשעבינער רב איהם געזאָגט:

- לויט מיין מיינונג, איז נישט דאָ אַ מצוה פון השתדלות דורך זאָגן ליגנט... און אויב ס'איז נישט דאָ אַ מצוה פון השתדלות דערביי, איז נישט דאָ קיין היתר דערפאַר...

הגה"צ רבי משה אהרן שטערן זצ"ל, דער משגיח פון דער קאַמעניצער ישיבה, האָט דערציילט, אַז עס איז איהם אַמאָל אויסגעקומען צו באַזוכן אין שווייץ, און ער האָט געפּלאַנט צו דאַווענען שחרית אין אַ געוויסע שול, כדי צו רעדן מיט די מתפללים אין שול וועגן געלט פאַר די ישיבה.

אַ נאַכט פריער, האָט ער געהערט אַז אין יענע שול איז מען נישט מקפיד אויפ'ן "זמן תפילה", און דעריבער האָט ער זיך באַרעכנט נישט צו דאַווענען דאָרט, כאָטש ער וועט האָבן אַ געלט-שאָדן דערפון. ער איז אַלזאָ געגאַנגען דאַווענען אין אַן אַנדערע שול, וואו מ'האָט יאָ מקפיד געווען אויף תפילה בזמנה. שפּעטער האָט ער באַגעגענט זיינס אַ באַקאַנטן, אויך אַ משולח, און יענער האָט איהם געזאָגט, "אוי, האַסטו שאָדן געהאַט אַז דו ביזט נישט געקומען דאַווענען אין יענע שול... עס איז דאָרט געווען אַ גרויסער גביר, וועלכער האָט געגעבן יעדן איינעם פון אונז 100 פראַנק (אַ שיינער סכום אין יענע צייטן).

יענעם אָוונט, איז רבי משה אהרן געגאַנגען דאַווענען מנחה-מעריב אין יענע שול, און ער האָט באַמערקט יענעם רייכן מאַן. איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און ער האָט איהם דערציילט אַז ער געפינט זיך דאָ פאַר'ן צוועק פון שאַפן געלט פאַר די קאַמעניצער ישיבה, און וויבאַלד ער איז נישט דאָ געווען אינדערפרי, בעט ער דעריבער ביי איהם יעצט אַ נדבה. האָט דער גביר איהם דערלאַנגט 100 פראַנק. נאָך מנחה, איז רבי משה אהרן געבליבן אין שול, כדי צו וואַרטן מיט דאַווענען מעריב, ביז "צאת הכוכבים". אינצווישן, איז דער גביר צוגעגאַנגען צום גבאי פון שול, און איהם אָנגעוויזן אויף רבי משה אהרן, זאָגנדיג, "דער איד זעהט אויס אין מיינע אויגן צו זיין אַ חשוב'ער איד, אפשר ווייסטו ווער דאָס איז?". האָט דער גבאי איהם דערציילט וועגן רבי משה אהרן, אַז ער איז אַ חשוב'ער איד. איז דער גביר צוגעגאַנגען צו רבי משה אהרן, און איהם דערלאַנגט נאָך 300 פראַנק... נאָך מעריב, איז דער גביר נאָך אַמאָל צוגעגאַנגען צו רבי משה אהרן, און ער האָט איהם דערציילט אַז ער קומט פון אַמעריקע, און געפינט זיך דאָ אין שווייץ אַ קורצע צייט, און ער האָט מיטגעברענגט מיט זיך אַ גרויסע סומע געלט צו פאַרטיילן פאַר צדקה, אָבער וויבאַלד עס זענען דאָ נישט פאַרהאַן אַ סאַך נצרכים, איז איהם איבערגעבליבן אַ סאַך געלט וואָס ער האָט שוין מקדיש געווען פאַר צדקה, און וויבאַלד ער זעהט אויף איהם אַז ער איז אַן "איש המעלה", שענקט ער איהם דעם גאַנצן סכום וואָס איז פאַרבליבן אין זיין טאַש... און ער האָט אַרויסגענומען נאָך 1,000 פראַנק, און דערלאַנגט פאַר רבי משה אהרן.

ביים דערציילן די מעשה, פלעגט רבי משה אהרן זאָגן: זעהט נאָר ווי דער אויבערשטער איז דער "המכין מצעדי גבר". אויב איך וואָלט געקומען אינדערפרי דאַווענען שחרית אין יענע שול, וואָלט דאָך דער גביר מיר געגעבן 100 פראַנק, אַזוי ווי פאַר די אַנדערע משולחים, און איך וואָלט נישט געצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, ווייל עס זענען דאָך דאָרט געווען נאָך געלט-גייער. האָט דער אויבערשטער צוגעפירט אַז איך זאָל גיין דאַווענען דאָרט מנחה, נאָר איך אַליין בין צוגעגאַנגען צו בעטן געלט ביי דעם גביר, און אַזוי האָט ער מיך אין אַכט גענומען און זיך אינטערעסירט מער בפרטיות'דיג וועגן מיר, און אַזוי האָב איך באַקומען אַזאַ שיינעם סכום.

טשעפּעט נישט אַ צווייטן, און ער ווערט קיינמאָל נישט געטשעפּעט פון קיינעם, נישט ברוחניות און נישט בגשמיות. ווייל ער ווייסט דאָך זייער גוט אַז "אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו, אפילו כמלא נימא"ז (יומא לח:). דער מענטש קען נישט צורירן צו דעם וואָס איז אָנגעגרייט פאַר זיין חבר, אַפילו אויף אַ דין האָרל. קיינער קען נישט געבן עפּעס פאַר אַ צווייטן, אָדער צונעמען פון איהם, אויב דער אויבערשטער האָט נישט באַפוילן פון הימל אַז אַזוי זאָל זיין. ממילא, פאַרוואָס זאָל ער טשעפּען זיין חבר (אַלס אַ נקמה אָדער שטראָף פאַר דעם וואָס דער חבר האָט איהם באַ'עוולה'ט)? יענער האָט דאָך איהם גאָרנישט געטוהן. דאָס זעלבע, וואָס האָט ער געטשעפּעט צו ווערן פון יענעם, אויב יענער איז נישט דער וואָס האָט איהם געטוהן אַן עוולה, נאָר אַלעס איז געווען פון דעם באַשעפער ב"הח.

**דער** מענטש וואָס נעמט זיך אַרום מיט אַזאַ אמונה אויף יעדן טריט און שריט, איז איהם וואויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט, ווייל ווען איינער האָט איהם געשאָלטן אָדער געבענטשט, שאָדן געמאַכט אָדער געהאָלפן ברוח ובגוף, בנפש ובנשמה, אַלעס וואָס ער האָט איהם געטוהן, איז דאָך דער מענטש וואָס גלייבט אין באַשעפער, ווייסט אַז נישט יענער האָט מיר געטוהן, ראובן האָט מיר נישט קאַליע געמאַכט אַ

---

נאָך מער: פון די מעשה זעהען מיר ווי מ'טאָר קיינמאָל נישט טוהן אַ "השתדלות" שלא כדין, ווייל מ'זעהט דאָך אַז דייקא דערפאַר ווייל רבי משה אהרן איז געווען געהיטן צו דאַווענען תפילה בזמנה, האָט ער זוכה געווען צו באַקומען 1,400 פראַנק, 14 מאָל מער ווי ער וואָלט פאַרדינט אויב ער וואָלט געמאַכט אַן איסור'דיגע השתדלות און געקומען דאַווענען דאָרט שחרית, נאָכ'ן זמן תפילה.

**ז.** מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן רב, אַ גרויסער מרביץ תורה אין ירושלים עיה"ק, אַ כוונה אין די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין די זמירות מוצאי שבת, "זרענו וכספנו ירבה כחול". וואָס פאַראַ שייכות האָבן אונזערע קינדער מיט אונזער געלט, וואָס מיר בעטן אויף זיי צוזאַמען, "ירבה כחול"?

האָט ער גזאָגט בדרך משל, צוויי פריינט וועלכע האָבן צוזאַמען געלערנט אין די תלמוד תורה, און דערנאָך אין ישיבה, א.א.וו. איינער פון זיי האָט געהאַט 18 קינדער בלע"ה, וואָס יעדער פון זיי האָט אויפגעשטעלט בשעה טובה ומוצלחת אַ געבענטשט אידישע היים, מיט אַמווייניגסטענס 15 ביז 17 קליינדער, בלע"ה. אַזוי אויך זייערע קינדער, האָבן געהאַט גרויסע שטיבער מיט קינדער. דער צווייטער, אָבער, האָט געהאַט נאָר איין בן יחיד און איין איינציגע טאָכטער, וואָס זענען ביי איהם געבוירן געוואָרן יאָרן געצויגן פון אַנדערן. אויך זיינע קינדער האָבן געהאַט ווייניג קינדער, און דאָס זעלבע דער דריטער דור - די אייניקלעך. קומט אויס, אַז ווען זיי וועלן זיין 90 יאָר אַלט, וועט איינער פון זיי האָבן 3,000 נפשות בל"ע אין זיין משפחה, און דער אַנדערער וועט האָבן נישט מער ווי צוויי מנינים... וועט דען איינפאַלן פאַר איינעם צו זאָגן אַז דער וואָס האָט דריי טויזנט אייניקלעך בלע"ה, האָט עפּעס צוגענומען פון זיין חבר?... אַוודאי נישט. אַפילו אַ שוטה וועט נישט זאָגן אַז דער ערשטער איז געקומען און האָט צוגענומען קינדער פון יענעם "מכסה"...

דאָס איז די כוונה פון די סמיכות צווישן "זרענו" און "כספנו": פונקט ווי דו קענסט נישט זאָגן אַז יענער נעמט דיר צו דיינע קינדער ("זרענו"), אַזוי קענסטו נישט זאָגן אַז ער נעמט אַוועק ביי דיר געלט ("וכספנו")... קיינער נעמט נישט פון אַ צווייטן'ס חשבון, אפילו אַ פרוטה...

**ח.** דער קלויזענבורגער רב, הרה"ק בעל "שפע חיים" זי"ע, ברענגט ("דברי תורה", פרשת בראשית) אַ מעשה: צווישן צוויי צדיקים, קדושי עליון, האָט געהערשט אַ מחלוקת איבער געוויסע געהויבענע ענינים. האָט איינער פון זיי, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיין גאונות אין לערנען, מער ווי דער אַנדערער, געשיקט אַ בריוו צום אַנדערן צדיק, און איהם געשריבן: "צו קענסטו ציילן אַלע אותיות פון דער תורה?... צו ווייסטו וויפיל אותיות עס זענען דאָ אין ש"ס, ספרא, ספרי, מכילתא... צו דען קענסטו ציילן די אותיות אין רש"י?!... אויב אַזוי, פון וואו נעמסטו זיך די רעכט צו קריגן אויף מיר?...". האָט דער אַנדערער צדיק איהם געענטפערט, "איך בין מודה, אַז איך קען טאַקע נישט אָפּציילן די אַלע זאַכן וואָס איר האָט דאָ אויסגערעכנט, אָבער איך זאָג "ווייס" איך יאָ: וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים בשמים מעל ועל הארץ מתחת אין עוד... און איך האָב אַ חשש, אַז די דאָזיגע 'ידיעה' פעלט ביי אייך...".

שידוך, און שמעון האָט נישט גערעדט שלעכטס אויף מיר לעיני כל הקהל. לוי האָט מיר נישט אַוועקגענומען דעם "עמוד", און יהודה האָט מיר נישט פאַרשטעלט די זון, ווען ער האָט געבויט זיין "פּאַרטש" (בלע"ז)... אַלעס ווערט דאָך געטוהן דורך דעם אויבערשטען ברוך הוא אַליין, און ממילא האָסטו נישט וואָס צו האָבן טענות אויף דיין חבר[ט].

**דער** הייליגער קאָזשניצער מגיד זי"ע זאָגט ("עבודת ישראל", נח, ד"ה "אלה תולדות"), מיר ווייסן אַז די מלאכים זענען נישט מקנא און האָבן נישט פיינט איינער דעם אַנדערן, אפילו אויב זיי האָבן קעגנגעזעצטע כוחות. צום ביישפּיל, מלאך מיכאל איז פון מדת החסד, און גבריאל איז דער מלאך פון מדת הדין. פונדעסטוועגן, האָבן זיי נישט קנאה איינער אויפ'ן אַנדערן און האָבן זיך נישט פיינט, ווייל די מלאכים פאַרשטייען און אנערקענען ווער עס געבט זיי זייער גאַנצן כוח און מהות, דאָס איז דאָך דער באַשעפער אַליין. פון איהם קומט די מדה פון חסד, און פון איהם קומט די מדה פון גבורה, און ממילא וואָס האָבן זיי זיך צו קריגן. מחלוקת איז שייך נאָר אויף דער וועלט, וואו יעדער איינער וויל הערשן איבער דעם צווייטן, ווייל ער רעדט זיך איין אַז ער איז קלוגער אָדער שטאַרקער פון יענעם, אָדער אַנדערע מעלות.

**דאָס** אַלעס איז צוליב דעם וואָס מ'האָט אַ טעות און מ'פאַרגעסט אַז דער אויבערשטער איז דער וואָס געבט אַלעס פאַר'ן מענטש. דאָס ברענגט קנאה פון איינעם אויפ'ן אַנדערן, ווען ער זעהט אַז עס פעלן איהם געוויסע זאַכן וואָס זיין חבר האָט, איז ער איהם מקנא און ער האָט איהם פיינט. אָבער דער מענטש וואָס גלייבט אויף דער וועלט, אַזוי ווי די מלאכים וואָס גלייבן

---

**ט.** ווען דער מענטש לעבט מיט דער ריכטיגע אמונה, און זיין גאַנצער "הלוך ילך" איז מיט אמונה, שפּאָרט ער זיך אַ סאַך צער און האַרץ ווייטאָג וואָס קומט געוועגליך פון קנאה, תאווה און כבוד. ווען ער גלייבט אין באַשעפער ווייסט ער, אַז קיינער קען גאָרנישט אַוועקנעמען ביי איהם, און ממילא איז ער קיינעם נישט מקנא, ווייל קיינער האָט נישט "אויף זיין חשבון" אַפילו אַ פּרוטה, און אויב דער אויבערשטער וועט וועלן, וועט ער איהם געבן טויזנט מאָל אַזוי פיל, אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן עפּעס אַוועקנעמען פון זיין "דערפאָלגרייכן" און רייכן חבר.

אויך ווייסט ער, אַז קיינער קען איהם נישט גאָרנישט געבן, אָן דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען, און ממילא שפּאָרט ער זיך נאָכצולויפן נאָך כבוד, ווייל אויך "כבוד" איז פון דעם אויבערשטען. ער קען אויך נישט נעמען אַ הנאה, אויב עס איז נישט באַשערט פאַר איהם פון הימל, און ממילא, ווערט ער אויך נישט נכשל אין "תאוה". אַזוי איז ער אָפּגעהיטן אין אַלע דריי שווערע מדות: קנאה, תאוה, כבוד...

דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע, פלעגט זאָגן, אַז דער מענטש וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט און ער זעהט אַז "יש מנהיג לבירה", עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס פירט די גאַנצע וועלט, איז אוממעגליך אַז ער זאָל האָבן קנאה אויף זיין חבר, אָדער ער זאָל גליסטן צו אַ גשמיות'דיגע תאווה, אָדער ער זאָל נאָכלויפן כבוד, ווייל ער ווייסט דאָך אַז דאָס וואָס ער האָט, קען אַ צווייטער נישט האָבן, און וואָס יענער האָט, אָדער אַ תאווה, איז נישט מער ווי אַ דמיון, ווייל קיינער קען נישט האָבן דאָס וואָס מ'באַשטימט נישט פאַר איהם פון הימל.

דאָס איז די כוונה פון די משנה (אבות פ"ד, משנה כ"א) "הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם". דער מענטש וואָס איז פאַרזינקען אין די דריי זאַכן, איז אַ סימן אַז ער לעבט אינגאַנצן נישט אויף דער וועלט ("מן העולם"), נאָר אין אַ פאַלשע וועלט, אָן "עולם הדמיון".

הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט געטייטשט ("אמרות משה", ערך טהרת המידות) דעם פּסוק (תהלים לג, ח) "ממנו יגורו כל יושבי תבל". מיר געפינען דאָך אַסאַך מענטשן ("יושבי תבל") וואָס האָבן נישט מורא פאַר דעם אויבערשטען, אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָגט דער פּסוק "ממנו יגורו כל יושבי תבל"? האָט דער קאָברינער געענטפערט, אַז וויבאַלד חז"ל זאָגן "הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם", ממילא איז דער בעל תאוה, אָדער דער בעל קנאה, אָדער דער וואָס זוכט כבוד, באמת נישט פון די "יושבי תבל"... אָבער די ערליכע אידן, וואָס האָבן נישט די דריי מדות מגונות, זענען טאַקע יאָ אין גדר פון "ממנו יגורו"...

אין הימל, אַז אַלעס איז מיט אַ גענויעם חשבון, האָט נישט קנאה און שנאה אויף אַ צווייטן.

**מ'דאַרף** גוט געדענקען וואָס עס שרייבט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע (אין זיינע "הנהגות", ביים אָנהייב פון ספר "זאת זכרון"): "להיזהר מכעס" - מ'זאָל זיך היטן פון זיך בייזערן אויף אַנדערע. "וטוב לזכור כי הכל מהבורא יתברך" - און עס איז גוט צו געדענקען אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, ווי די גמרא זאָגט (חולין ז:) אַז דער מענטש רירט נישט אַפילו מיט זיין פינגער אויף דער וועלט, נאָר אויב מ'האָט אויסגערופן וועגן דעם אין הימל. דאָס איז געזאָגט געוואָרן אויך וועגן דעם מענטש וואָס ער האָט אַ בחירה, עיי"ש.

**ווען** דער מענטש לעבט מיט אמונה אַז גאָרנישט פּאַסירט נישט אויף דער וועלט אָן די השגחה עליונה, איז פאַר איהם לייכטער זיך צו שטאַרקן אויף דער שרעקליכער מדה פון כעס, ווייל ער גלייבט דאָך מיט'ן גאַנצן האַרץ אַז קיינער האָט איהם נישט געמאַכט אַ שאָדן, און אויך ער אַליין האָט זיך נישט שאָדן געמאַכט דורך זיין נאָכגעלאָזנקייט א.ד.ג., נאָר אַלעס איז נגזר געוואָרן פון הימל.

**אפילו** אויב עס זעהט אויס אין זיינע אויגן אַז יענער האָט איהם עפּעס געטוהן, דאַרף ער פאַרשטיין, אַז יענער איז נישט מער ווי אַ שליח פון באַשעפער, און ער האָט איהם גאָרנישט געטוהן פון זיך אַליין, ווי עס שרייבט דער בעל התניא זי"ע (אגרת הקודש, כה) אויף דעם וואָס חז"ל זאָגן (זוהר ח"א כז:) אַז דער מענטש וואָס איז אין כעס איז גלייך ווי ער וואָלט חלילה געדינט עבודה זרה. זאָגט דער בעל התניא, אַז עס איז פאַרשטענדליך, ווייל אין דער צייט ווען ער האָט זיך געבייזערט האָט ער דאָך נישט געהאַט אמונה. אויב ער וואָלט בשעת מעשה געגלייבט אַז דער אויבערשטער האָט עס צוגעפירט, וואָלט ער זיך דאָך נישט געבייזערט אויף יענעם. און אפי' אויב דער חבר, וואָס איז אַ "בעל בחירה", האָט איהם געשאָלטן אָדער געשלאָגן, אָדער ער האָט איהם פאַראורזאַכט אַ געלט שאָדן [וואָס יענער וועט טאַקע זיין חייב בדיני אדם ובדיני שמים פאַר'ן שלעכטס וואָס ער האָט איהם געטוהן], פונדעסטוועגן,

---

**י.** דער אמת'ער מאמין, האַלט אויס אַלעס וואָס ער גייט אַריבער. די גמרא דערציילט (תענית כה.), אַז די פּרוי פון רבי חנינא בן דוסא האָט זיך אויסגעוויינט פאַר איהם איבער זייער אָרימע לאַגע. האָט רבי חנינא בן דוסא מתפלל געווען און עס איז אַרויס אַזוי ווי אַ האַנט פון הימל, און דערלאַנגט פאַר רבי חנינא בן דוסא אַ פוס פון אַ גאָלדענעם טיש. ביינאַכט, האָט רבי חנינא בן דוסא געזעהן אין חלום אַז אַלע צדיקים עסן לעתיד אויף אַ גאָלדענעם טיש מיט פיר פיס, און ער און זיין רעביצין זיצן אויף אַ טיש פון דריי פיס (אין אונזער ש"ס, שטייט אַז מ'האָט איהם געוויזן ווי די אַנדערע צדיקים האָבן טישן מיט דריי פיס, און ער האָט אַ טיש מיט בלויז צוויי פיס). האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז דער גאָלדענער פוס וועלכן מ'האָט איהם דערלאַנגט פון הימל, גייט "אויפ'ן חשבון" פון זייער טיש לעתיד לבוא, און עס וועט פעלן פון זייער גאָלדענעם טיש אַ פוס - דער פוס וועלכן זיי האָבן יעצט באַקומען. האָט רבי חנינא בן דוסא מתפלל געווען אַז מ'זאָל צוריק נעמען ביי זיי דעם פוס, און דער פוס איז טאַקע צוריק אָפּגענומען געוואָרן ביי איהם בדרך נס.

זאָגט דער הייליגער "חתם סופר", אַז די דריי פיס זענען אַ רמז אויף די דריי "עמודים", אויף וועלכע עס שטייט די גאַנצע וועלט: תורה, עבודה, גמילות חסדים. דער פערטער פוס, ווייזט אויף דעם ענין פון "סבלנות" און "התשוות", אויסצוהאַלטן אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט מיט'ן מענטש, ווייל די דאָזיגע מדה איז איינע פון די "עמודים" אויף וועלכע עס שטייט די גאַנצע וועלט. וועגן דעם, ווען רבי חנינא האָט נישט געקענט איבערטראָגן זיין אָרימען מצב און ער האָט געבעטן אַז מ'זאָל פאַר איהם ממתיק זיין דעם דין, און מ'האָט איהם געגעבן "גאָלד", ווי ער האָט טאַקע פאַרדינט, האָט ממילא געפעלט פון זיין טיש דער פערטער פוס, וואָס איז אַנטקעגן די מדה פון "סבלנות". נאָך דעם ווי רבי חנינא האָט דאָס באַגריפן, איז ער צוריקגעקומען צו זיין סבלנות, און דער פוס איז צוריקגעקומען צום טיש.

לערנען מיר פון דאָ די גרויסקייט פון מדת הסבלנות, צו קענען איבערטראָגן אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט מיט'ן מענטש, ווייל עס איז איינע פון די "עמודים" פון דער וועלט, צוגלייך מיט תורה, עבודה, און גמילות חסדים, און די וועלט שטייט דערויף, אַזוי ווי עס שטייט אויף די דערמאַנטע דריי זאַכן.

איז דאָך שוין אַרויס אַ גזירה אין הימל אויף דעם ניזק אַז ער זאָל שאָדן האָבן, און מיר ווייסן אַז "הרבה שלוחים למקום", דער אויבערשטער האָט אַ סאַך וועגן ווי אַזוי צו ברענגען אויף איהם דעם שאָדן.

**שרייבט** דער בעל התניא ווייטער, און נאָך מער, אַפילו אין דער מינוט ווען ער שלאָגט איהם אָדער ער שעלט איהם, טוט זיך אין יענעם אָנקליידן דער כח פון באַשעפער וואָס געבט איהם לעבן, ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט ווען שמעי בן גרא האָט איהם געשאָלטן (ש"ב טז, י) "ה' אמר לו קלל" - דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו שמעי, ער זאָל שעלטן (דוד'ן). מיר געפינען נישט אין פסוק אַז דער אויבערשטער האָט געהייסן שמעי'ן ער זאָל שעלטן דוד (שמעי ווערט אין ערגעץ נישט אויסגערעכנט אַלס איינער פון די נביאי ה'), נאָר וואָס דען? די מחשבה וואָס איז אַריין אין געדאַנק פון שמעי בן גרא צו שעלטן דוד, דאָס איז געווען פון דעם אויבערשטען. דער אויבערשטער, וואָס "וברוח פיו כל צבאם", האָט אַריינגעגעבן אין שמעי'ס געדאַנק ווען ער האָט געשאָלטן דוד, אַז ער זאָל אַזוי טוהן. אויב דער גייסט פון באַשעפער'ס מויל וואָלט זיך אָפּגעטוהן אַפילו איין רגע פון שמעי'ס גייסט, וואָלט ער דאָך נישט געקענט אַרויסרעדן אַפילו אַ וואָרט. ווענן דעם ווערט עס גערעכנט אַזוי ווי "ה' אמר לו קלל"[יא] ("חינוך", מצוה רמא, שורש איסור "לא תקום").

**ונחשב לכם - די עבודה פון יעדע מענטש איז חשוב ביים אויבערשטען**

**פון** די מעשה פון קרח, לערנען מיר נאָך אַ לימוד, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט אויף אַן אופן "שלא חיסר בעולמו כלום, וברא בו בריות טובות" (ווי מיר זאָגן אין "ברכת האילנות"). יעדע באַשעפעניש האָט איר אויפגאַבע צו ערפילן אויף דער וועלט, און יעדער איינער דאַרף דינען דעם אויבערשטען אויף זיין אָרט, און אין זיין מצב. דער פּשוט'ער מענטש וואָס ערפילט זיין שליחות אויף דער וועלט, איז חשוב ביי דעם באַשעפער, אַזוי ווי דער גרעסטער מענטש מיט זיין גרויסע עבודה[יב].

**אַזוי** האָט געזאָגט הרה"ק רבי דוד'ל לעלוב'ער זי"ע: אויב קרח וואָלט געוואוסט אַז מ'קען דינען דעם אויבערשטען אויך ווען מ'זיצט אונטער'ן "פּיעטליק" (אַן אויוון וואָס הייצט, וואָס פלעגט זיך געפינען אין אַלע שולן אין די אַמאָליגע צייטן. אונטער דעם אויוון, פלעגן זיצן אַלע פּשוט'ע מענטשן און "שוואַכע" פאַרשוינען) און די עבודה וואָס מ'טוט זאָל זיין חשוב אַזוי ווי די עבודה פון כהן גדול ווען ער איז אַריינגעקומען יום כיפור "לפני ולפנים", אין קודש הקדשים, וואָלט ער קיינמאָל נישט אָנגעהויבן זיין מחלוקת[יג]. זיין גאַנצע קריגעריי קעגן משה און אהרן איז געקומען נאָר דערפאַר ווייל ער האָט זיך איינגערעדט

**יא.** אַזוי זאָגט דער מדרש ביי יוסף הצדיק און זיינע ברידער, די שבטי קה (ב"ר פרשה פד, יח) "כשרצית, נתת בלבם לאהוב, וכשרצית, נתת בלבם לשנוא". ווען דו (דער אויבערשטער) האָסט געוואָלט, האָסטו אַריינגעגעבן אין זייער האַרץ (די שבטים) ליב צו האָבן (יוסף'ן), און ווען דו האָסט געוואָלט, האָסטו אַריינגעגעבן אין זייער האַרץ איהם פיינט צו האָבן. ווייל די "ליבשאַפט" קומט נישט פון זיך אַליין, נאָר פון דעם אויבערשטען, און דאָס זעלבע די "פיינטשאפט". ווען מ'האָט פיינט אַ מענטש, איז עס נישט פון זיך אַליין, נאָר אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן.

**יב.** דער מענטש וואָס ווערט אויסדערוויילט פון הימל צו זיין גרויס, האָט באמת אויך נישט וואָס זיך גרויס צו האַלטן, צוליב פאַרשידענע טעמים: א. ווער זאָגט דען אַז די ביסט גורם אַ גרעסערן נחת רוח פאַר דעם אויבערשטען, ווי דער פּשוט'סטער מענטש מיט זיין עבודה. ב. הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויב'ער זי"ע האָט געזאָגט אויף דעם פסוק אין דער הייניגער פרשה (יח, כז) "ונחשב לכם תרומתכם כדגן מן הגורן וכמלאה מן היקב", אַז פונקט אַזוי ווי דער חלק פון תבואה וואָס ווערט אויסגעוויילט צו זיין הייליג מיט די קדושה פון "תרומה", קען זיך נישט גרויס האַלטן אויף די אַנדערע תבואות וואָס זענען געבליבן חולין, ווייל דער חלק פון "תרומה" ווייסט דאָך אַז מ'האָט איר נישט אויסגעוויילט דערפאַר ווייל זי איז עפּעס חשוב'ער און מער מיוחס ווי די אַנדערע, נאָר ווייל מ'האָט דאָ געדאַרפט אויסוויילן אַ חלק פון די תבואה. דאָס זעלבע דאַרף דער מענטש וויסן, "ונחשב לכם תרומתכם" - עס זאָל זיין גערעכנט ביי דיר דיין התרוממות לגבי אַנדערע מענטשן, אין תורה, צו אין עבודת ה', "כדגן מן הגורן וכמלאה מן היקב", פונקט אַזוי ווי תבואה וואָס מ'קלויבט אויס אַלס תרומה, האָט נישט אַן אייגענע חשיבות בעצם, נאָר דאָס וואָס מ'האָט איר אויסגעוויילט, ווייל דער אויבערשטער האָט אַזוי באַפוילן.

**יג.** ענליך זאָגט הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא, אַ טעם פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט אַ נס מיט אהרן'ס שטעקן (יז, כג) "ויוצא ציץ ויגמול שקדים". לכאורה, וואָס פאַר אַ צורך איז געווען אַז דער שטעקן זאָל אַרויסגעבן

אז ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן די עבודה פון גרויסע לייט, און די עבודה פון קליינע מענטשן[יד].

**אזוי** זאָגט די גמרא (תענית כא:) אַז "אבא אומנא" - אַ דאָקטאָר וואָס פלעגט אַרויסנעמען בלוט פון מענטשן פאַר אַ רפואה, - האָט באַקומען אַ "גרוס" פון הימל יעדן טאָג. אביי האָט באַקומען אַ "גרוס" פון הימל איינמאָל אַ וואָך (פרייטאָג), און רבא - יעדן ערב יום כיפור. האָט אביי געהאַט חלישות הדעת פון דעם וואָס ער באַקומט נישט אַ "פריסת שלום" פון הימל יעדן טאָג, אַזוי ווי "אבא אומנא". האָט מען פון הימל געזאָגט פאַר אביי: דו זאָלסט נישט האָבן חלישות הדעת דערפון, ווייל "לא מצית למעבד כעובדיה" - דו קענסט נישט טוהן אַזעלכע מעשים טובים ווי "אבא אומנא", וואָס האָט אַ סאַך געטוהן אַז אידישע קינדער זאָלן זיך האַלטן בקדושה (זעה דאָרט אין דער גמרא).

**זאָגן** די ספרים, אַז די כוונה פון די ווערטער, "לא מצית למעבד כעובדיה" איז אויך, אַז יעדער יחיד האָט אַן אַנדערן תפקיד און שליחות אויף דער וועלט. אביי פאַרשיינט די וועלט מיט זיין תורה, און פאַר דעם האָט ער באַקומען אַ "פריסת שלום" פון הימל יעדן פרייטאָג, אָבער "אבא אומנא", וועלכער איז געווען אַ דאָקטאָר וואָס פלעגט אַרויסנעמען בלוט פון מענטשן פאַר אַ רפואה, און ער האָט זיך געפירט בקדושה און געהאָלפן אָפּהיטן די גדרי הקדושה צווישן אידן, דעריבער האָט ער באַקומען אַ "גרוס" פון הימל יעדן טאָג. אויב אביי זאָל אָבער איבערלאָזן זיין וועג פון הרבצת התורה, און ער זאָל טוהן אַזוי ווי אבא אומנא, וועט ער דאָך שאָדן האָבן און ער וועט נישט קענען זיין "אביי", און אויך צו די מדרגה פון אבא אומנא וועט ער נישט צוקומען, ווייל דער מענטש קען דערגרייכן זיין שלימות נאָר פון דעם אָרט וואָס איז פאַר איהם באַשטימט געוואָרן פון הימל.

**ענליך** זאָגט הרה"ק רבי שמחה בונם זי"ע פון פשיסחא (געברענגט אין ספר "שפתי צדיק", פרשתינו), אַז קרח

---

מאַנדלען, און ס'איז נישט געווען גענוג אַז עס האָבן געוואַקסן בלומען? נאָר דערמיט האָט דער אויבערשטער געוואָלט מרמז זיין, יעדער בוים האָט דאָך צווייגן און פרוכטן, אָבער מ'עסט נאָר די פרוכט. מיר האָבן אָבער קיינמאָל נישט געהערט אַז איינער זאָלן זאָגן, אויב עס איז נישט דאָ אַ נוצן אין די צווייגן, פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער זיי באַשאַפן... ווייל אַזוי איז דער וועג ווי אַזוי עס וואַקסט אַרויס אַ פרוכט. דער בוים ציעט זיין יניקה פונעם וואַסער אויף דער ערד, דורך די וואָרצלען וואָס געפינען זיך אין דער ערד, און די פייכטקייט גייט אַדורך דורכ'ן בוים און די צווייגן ביז עס קומט אָן צו די פרי. ממילא, האָבן אַלע טיילן פונעם בוים - די פרוכט און די צווייגן - די זעלבע חשיבות. דאָס האָט דער אויבערשטער געמיינט צו ווייזן מיט'ן נס ביי אהרן'ס שטעקן. קרח האָט דאָך געוואָלט זיין אַ כהן גדול, האָט מען איהם געוויזן פון הימל, אַז דער אויבערשטער האָט אַ באַגער און אַ "נויט", אויך אין די צווייגן און אין די "בלומען" - נישט נאָר אין די "מאַנדלען"...

**יד.** דער סלאָנימער רבי, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, האָט געזאָגט (געברענגט אין ספר "מזקנים אתבונן", ח"ב, ע' שעא, פ' תזריע תרפ"ט, צפת) מיט אַ געשריי: "פתח להם נועם ורצון לפתוח שערי רצונך" (זמר "קה אכסוף"). ס'איז פאַראַן וועלן דאַוונען, ס'איז פאַראַן וועלן לערנען, אָבער וועלן וואָס דער רבונו של עולם וויל, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש... אויף דעם בעטן מיר: "פתח להם נועם ורצון, לפתוח שערי רצונך" - מיר זאָלן וועלן וואָס דו ווילסט...

אַ סלאָנימער חסיד האָט געדאַרפט פאַרברענגען אין אַמעריקע דעם יום טוב פון ראש השנה. האָט ער געשריבן אַ בריוו צו זיין רבי'ן, הרה"ק בעל "ברכת אברהם" זי"ע, וואו ער וויינט זיך אויס זיין ביטער האַרץ, אַז ער וועט נישט קענען זיין אין די הייליגע טעג ביים רבי'ן. האָט דער רבי איהם געענטפערט אין אַ בריוו: יעדער איד, וואו ער געפינט זיך נאָר, האָט דער אויבערשטער אַוועקגעשטעלט פאַר איהם אַ לייטער דורך וועלכן אַרויפצוגיין אויבן אין הימל, ווי מיר געפינען אַז דער "לייטער" פון יוסף הצדיק, איז געווען דייקא אין מצרים, וואָס ווערט גערופן "ערוות הארץ", און דייקא פון דאָרט האָט ער געשטיגן העכער און העכער, ביז ער ווערט גערופן "יוסף הצדיק". ממילא, כאָטש דו דאַרפסט זיך געפינען אין אַמעריקע אין די הייליגע טעג, האָט דער אויבערשטער צוגעגרייט פאַר דיר דאָרט, אין אַמעריקע, אַ הויכן לייטער - פון די טיפעניש פון דער ערד, ביז צו די העכסטע הימלען, און דייקא פון דאָרט קענסטו זיך אויפהייבן און דערנענטערן צום הייליגן באַשעפער. ממילא, זאָלסטו עס מקבל זיין באהבה ובשמחה...

האָט געוואָלט מתפלל זיין אין קודש הקדשים אַזוי ווי דער כהן גדול, אָבער ער האָט נישט געוואוסט אַז די זעלבע תפילה ממש, קען מען דאַווענען אין יעדן אָרט אויף דער וועלט (אוודאי האָבן די "מקומות הקדושים" אַ ספּעציעלע חשיבות, אָבער פונדעסטוועגן, ווען עס קומט אונטער פאַר דעם מענטש אַז ער קען נישט איבערלאָזן זיין אָרט, דאַרף ער וויסן אַז "די זעלבע תפילה" קען ער בעטן אויך דאָרט וואו ער געפינט זיך).

**אַזוי** טייטשט הגאון רבי שניאור קאָטלער זצ"ל, ראש ישיבה ד'לעיקוואוד, דעם פסוק אין תהלים (מח, י) ביי די שירה פון די "בני קרח": "דמינו אלוקים חסדך בקרב היכלך". מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז מ'קען משיג זיין גדלות הבורא יתברך נאָר "בקרב היכלך" - אין קודש הקדשים. ווען דעם האָט קרח געוואָלט זיין אַ כהן גדול, כדי ער זאָל קענען אַריינקומען "לפני ולפנים". זיינע קינדער האָבן אָבער תשובה געטוהן, און זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות, ווייל דער אמת איז, ווי דוד המלך ע"ה זעצט פאָר דאָרט אין יענעם קאַפּיטל (פסוק יא) "כשמך אלוקים כן תהלתך על קצוי ארץ". דער מענטש דאַרף נישט דווקא אַריינקומען "בקרב היכלך", כדי צו קענען דינען דעם איבערשטען. ער קען זיין אויך אין "קצוי ארץ", און פון דאָרט לויבן דעם איבערשטען און איהם דינען, אויך אין די ווייטסטע פלעצער...

**ולא יהיה כקרח וכעדתו - זיך דערווייטערן פון מחלוקת ווי ווייט נאָר מעגליך**

**ולא** יהיה כקרח וכעדתו (יז, ה). די תורה זאָגט אונז אַ לא תעשה, נישט צו האָבן אַ שייכות מיט מחלוקת[טו], און די גמרא זאָגט (סנהדרין קי.) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טז, כה) "ויקם משה וילך אל דתן ואבירם", זאָגט ריש לקיש, "מכאן, שאין מחזיקין במחלוקת". פון דאָ זעהען מיר אַז מ'האַלט נישט אָן אַ מחלוקת (נאָר מ'זאָל זעהן זיך איבערצובעטן מיט'ן אַנדערן צד, אַזוי ווי משה רבינו ע"ה האָט פּראָבירט רעדן ווייכע רייד מיט דתן ואבירם)[טז], ווייל רב האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס האַלט-אָן אַ מחלוקת מיט אַ צווייטן, איז עובר אויף דעם לאו פון "ולא יהיה כקרח וכעדתו". זאָגט רש"י: "אין מחזיקין - כאָטש די מחלוקת האָט זיך שוין אָנגעהויבן, טאָר מען נישט אָנהאַלטן און פאַרזעצן די מחלוקת, נאָר מ'זאָל זיך אָפּלערנען פון משה רבינו ע"ה וואָס ער האָט מוחל געווען אויף זיין כבוד, און

---

**טו.** דער גאון בעל "חזון איש" זי"ע האָט געזאָגט, אַז ס'איז קלאָר אַז דער פסוק "ולא יהיה כקרח וכעדתו", קומט נישט זאָגן פאַר דעם מענטש וואָס האָט נישט אַ גערעכטע טענה, אַז ער טאָר נישט מאַכן אַ קריגעריי (ווייל דאָס איז דאָך זעלבסט-פאַרשטענדליך), נאָר אדרבה, אפי' ווען דו ביזט יאָ גערעכט, זאָלסטו זיך דערווייטערן פון מחלוקת...

הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זי"ע האָט מסביר געווען דעם מנהג ישראל תורה, אַריינצוזינגען אין די דרשה פון אַ חתן ביי זיין שמחה, און מ'לאָזט איהם נישט ענדיגן זיינע ווערטער. דערמיט וויל מען ווייזן פאַר'ן חתן, וואָס ער שטייט ביים אָנהייב פון זיין לעבן צו בויען אַ בית נאמן בישראל, איידער ער גייט אַרויס אין "עולם המעשה", אַז "אַ איד טאָר דאָך נישט אויספירן", און ער דאַרף זיך נישט האַלטן עקשנות'דיג ביי זיין מיינונג, צו פּרובירן אויפווייזן פאַר אַנדערע מיט "פלפולים", "קשיות" און "תירוצים" אַז ער איז גערעכט...

**טז.** דער גאון בעל "חתם סופר" זי"ע זאָגט (פרשתינו, ד"ה "וישלח משה") אַז דער פסוק קומט אונז לערנען, אַז מיר זאָלן נישט זאָגן, יענער האָט דאָך אַ "חזקה" אַלס בעל מחלוקת, ער רופט אַרויס קריגערייען נישט פון היינט, נאָר פון נעכטן און אייער-נעכטן... ממילא, האָט דאָך נישט קיין זינען צו פּראָבירן זיך איבערבעטן מיט איהם... דער אמת איז אָבער נישט אַזוי, נאָר מ'דאַרף שטענדיג זעהן צו מאַכן שלום און זוכן פשרות צווישן די צדדים אין די מחלוקת, ווי מיר זעהען אַז משה רבינו ע"ה איז געגאַנגען צו דתן און אבירם און האָט זיי גערופן צו שלום, כאָטש זיי זענען שוין געווען "מוחזק" אין קריגעריי, ווי מיר זעהען אַז שוין אין מצרים האָבן זיי אַרויסגערופן אַ קריגעריי, ווי דער פסוק זאָגט (שמות ה, כ) "ויפגעו את משה ואת אהרן נצבים לקראתם בצאתם מאת פרעה". זאָגט רש"י, איבעראל וואו עס שטייט "נצבים" מיינט מען אַז דאָס זענען געווען דתן און אבירם.

זאָגט דער "חתם סופר", אַז דאָס איז די כוונה פון חז"ל: אין 'מחזיקין' במחלוקת. ביי מחלוקת, זאָלסטו נישט גיין נאָך די "חזקה", און כאָטש אַפילו דו האָסט שוין דריי מאָל פּרובירט מאַכן שלום און עס איז דיר נישט געלונגען, זאָלסטו נישט אַריינפאַלן אין יאוש, נאָר דו זאָלסט פּראָבירן נאָך אַמאָל, און דער אויבערשטער וועט בענטשן אידישע קינדער מיט שלום, עכ"ל.

ער איז אַליין געגאַנגען צו דתן און אבירם, כדי בטל צו מאַכן די מחלוקת[יז].

**מ'דאַרף** טאַקע אַריינלייגן אַ סאַך מיה און האָרעוואַניע זיך צו דערווייטערן פון מחלוקת, ווי עס שרייבט דער "אורח לחיים" זי"ע (פרשתינו) אויף די ווערטער פון רש"י אָנהייב סדרה, אַז דער פסוק דערמאָנט נישט יעקב אבינו ע"ה ("בן לוי בן יעקב"), ווייל יעקב האָט מתפלל געווען אויף זיך אַז זיי זאָלן נישט דערמאָנען זיין נאָמען ביי זייער מחלוקת, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית מט, ו) "בקהלם אל תחד כבודי".

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף מען בכלל דערמאָנען קרח'ס יחוס (ביז לוי) ביי די מחלוקת? עס וואָלט געווען גענוג פאַר די תורה צו זאָגן "ויקח קרח"?

**ענטפערט** דער "אורח לחיים", ווייל די גמרא זאָגט (ב"מ פה.) "כל שהוא תלמיד חכם, ובנו תלמיד חכם, ובן בנו תלמיד חכם, שוב אין התורה פוסקת מזרעו לעולם", יעדער וואָס איז אַ תלמיד חכם, און זיין זון איז אַ תלמיד חכם, און זיין אייניקל איז אַ תלמיד חכם, טוט די תורה זיך מער נישט אָפּ פון זיי, ווייל "תורה מחזרת על אכסניא שלה". די תורה קומט שטענדיג צוריק צו איר פריערדיגע אכסניא.

**דאָס** איז אָבער געזאָגט געוואָרן נאָר לגבי תורה, אָבער יראת שמים, איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי "מחזרת על אכסניא שלה", נאָר יעדער איינער האָט די בחירה זיך צו פירן אויפ'ן גוטן וועג, אָדער חלילה פאַרקערט (און כאָטש אויב דער מענטש ווייל זיך באמת מטהר זיין, האָט ער 'זכות אבות' אַז ער זאָל זיך קענען רייניגן, אָבער די בחירה פאַרבלייבט נאָך אַלץ אין זיינע הענט). דעריבער האָט דער פסוק מייחס געווען קרח'ן נאָך זיינע עלטערן, אונז צו לערנען, אַז אפילו אויב מיר זענען "בן יצהר, בן קהת, בן לוי", אַ "בנן של קדושים" פון די גרעסטע "שרפי מעלה", וועט נישט העלפן פאַר'ן מענטש ער זאָל זיין אַ יראת שמים. ער דאַרף אַליין האָרעווען. אויב ער וועט אַוועקגיין פונעם דרך פון זיינע אבות, האָט ער די בחירה דערפאַר ל"ע. מ'קען "קויפן" יראת שמים נאָר מיט אייגענע יגיעות.

**אַוודאי** ווייסט יעדער איינער, אַז בשעת עס פלאַקערט די מחלוקת, איז זייער שווער זיך אָפּצושיידן דערפון, אָבער פונדעסטוועגן, דאַרף דער מענטש זיך אָנשטרענגען און אַנטלויפן פון מחלוקת, דורך דעם וואָס ער באַטראַכט זיך גוט איבער די רעזולטאַטן פון מחלוקת, ווי דער פסוק זאָגט (עמוס ה, יג) "והמשכיל בעת ההיא ידום" - אַ קלוגער מענטש, שווייגט אין די צייט פון אַ קריגעריי[יח]. לאחר המעשה, נאָך דעם ווי די מחלוקת

---

**יז.** דער בעל מחלוקת דאַרף געדענקען אַז עס איז אַ "גלגל החוזר", ווי דער חיד"א זי"ע זאָגט ("צווארי שלל", הפטרה לפרשת חוקת) אויף די ווערטער פונעם תנא (אבות פ"ד מ"ג) "אל תהי בז לכל אדם", דו זאָלסט נישט פאַרשעמען קיין שום מענטש. זאָגט דער חיד"א, ווייל סוף כל סוף, דער בזיון וואָס דו האָסט גורם געווען פאַר אַ צווייטן, וועט פירן דערצו אַז יענער זאָל ווערן גרויס, און דער פאַרשעמער וועט נאָך דאַרפן אָנקומען צו איהם צו בעטן פון איהם אַ טובה. אויף דעם זאָגט די משנה ווייטער, "שאין לך אדם", עס איז נישט דאָ דער מענטש וועמען דו האָסט פאַרשעמט, "שאין לו שעה", וואָס ער וועט נישט גרויס ווערן אַמאָל, ווייל ער האָט אויסגעהאַלטן דיין בזיון.

לויט דעם, טייטשט דער חיד"א ז"ל, די פסוקים ביי יפתח, וואס ער האָט געפרעגט זיינע ברידער (שופטים יא, ז-ח): "הלא אתם שנאתם אותי ותגרשוני מבית אבי", עטס האָטס דאָך מיך פיינט געהאַט, און איר האָט מיך פאַרטריבן פון מיין טאַטעס הויז. "ומדוע באתם אלי עתה כאשר צר לכם?", און פאַרוואָס זענט עטס געקומען צו מיר יעצט, ווען עס איז אייך ענג? האָבן זיי איהם געענטפערט: "לכן עתה שבנו אליך", דערפאַר זענען מיר יעצט געקומען צו דיר. זאָגט דער חיד"א, אַז זיי האָבן איהם געענטפערט, יאָ, טאַקע דאָס גופא וואָס מיר האָבן דיך פאַרטריבן, האָט געפירט דערצו אַז דו זאָלסט גרויס ווערן, און עס האָט גורם געווען אַז מיר זאָלן זיך יעצט דאַרפן ווענדן צו דיר און זיך בעטן ביי דיר אַז דו זאָלסט גוטס טוהן מיט אונז. מיט דעם האָבן זיי איהם אויך געוואָלט מרמז זיין אַז ער זאָל נישט היטן די שנאה קעגן זיי, ווייל ער איז דאָך גרויס געוואָרן נאָר אַדאַנק זייערע רדיפות. קומט אויס, אַז זיי האָבן איהם גורם געווען אַ טובה, נישט אַ רעה.

**יח.** די גמרא זאָגט (סנהדרין קט.) אַז די פרוי פון און בן פלת, האָט איהם געראַטעוועט ער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די מחלוקת פון קרח קעגן משה ואהרן, ווייל זי האָט איהם געזאָגט: "מאי נפקא לך מינה?" - וואָס איז דיר

וועט זיך איינשטילן, וועט ער דאָך זעהן אַז עס האָט זיך געלוינט זיך נישט אַריינצומישן, ווייל דאָס לעבן פון אַ בעל מחלוקת, איז קיין לעבן נישט, און וואו נאָר ער ווענדט זיך און קערט זיך, איז ער פאַרזינקען אין דער מחלוקת ח"ו[ט]. אָבער אַזוי לאַנג ווי ער שטייט נאָך אינדרויסן, ביי די "טיר פון די מחלוקת", קען ער זיך פאַרמיידן זיך נישט אַריינצולאָזן אין דער שרעקליכער "בלאָטע" וואָס טראָגט דעם נאָמען "מחלוקת"[כ], און

---

אַ נפקא-מינה ווער ס'איז דער כהן גדול? אויב אהרן איז דער כהן גדול, ביזטו זיין תלמיד, און אויב קרח איז דער כהן גדול, ביזטו זיין תלמיד, און אויף איר זאָגט דער פסוק (משלי יד, א) "חכמת נשים בנתה ביתה". די חכמה פון די פרוי, האָט געבויט איר הויז. איז שווער, וואָס פאַר אַ איבעריגע "חכמה" שטעקט דאָ אין די ווערטער פון און'ס פרוי? זי האָט דאָך געזאָגט ווערטער וואָס זענען פאַרשטענדליך און פשוט פאַר יעדן "נורמאלן" בר-דעת?

ענטפערט דער גאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, ראש ישיבה פון דער מירער ישיבה אין ירושלים, אַז באמת, איז אויך דאָס געדענקען "פשוט'ע" זאַכן אין צייט פון אַ מחלוקת, איז אויך אַ גרויסע "חכמה"...

ממילא, דאַרף יעדער פאַרשטענדליכער מענטש, זיך גוט באַטראַכטן, וואָס וועל איך האָב פון פאַרשעמען יענעם, אָדער בייזערן זיך אויף איהם, אָדער מאַכן מיט איהם אַ קריגעריי. דער שאָדן איז דאָך פיל גרעסער ווי דער כלומר'שטער פאַרדינסט פון די מחלוקת.

**יט.** מיר געפינען אין ספר שמות (ז, יב) אַז ווען משה און אהרן זענען געשטאַנען פאַר פרעה מלך מצרים, האָט אהרן געוואָרפן זיין שטעקן און ער איז געוואָרן איבערגעדרייט צו אַ שלאַנג. דאַן האָבן די חרטומים פון מצרים געטוהן דאָס זעלבע, זיי האָבן געוואָרפן זייערע שטעקנס, "ויהיו לתנינים", און זיי זענען אויך געוואָרן איבערגעדרייט צו שלענג, "ויבלע מטה אהרן את מטותם", און אהרן'ס שטעקן האָט איינגעשלינגען זייערע שטעקנס. זאָגט די גמרא (שבת צז.) אַז דאָ האָט פאַסירט אַ "נס בתוך נס", אַז נאָך דעם ווי אהרן'ס שטעקן איז געוואָרן אַזוי ווי פריער (אַ שטעקן) האָט ער איינגעשלינגען די שטעקנס פון די חרטומים.

דאַרף מען פאַרשטיין, דאָ, אין פרשת קרח, איז געווען דער נס אַז עס זענען געוואַקסן בלומען און מאַנדלען אויף דעם שטעקן פון אהרן. פאַרוואָס האָט זיין שטעקן נישט איינגעשלינגען די שטעקנס פון קרח און זיינע מענטשן, אַזוי ווי אין מצרים? נאָר פון דעם לערנען מיר, אַז אין אַ מחלוקת, איז נישט אַ "קונץ" אַז דער גרעסערער זאָל "איינשלינגען" דעם קלענערן... ער זאָל איהם נישט דערנידערן ווייל ער האָט געקריגט מיט איהם, נאָר ער זאָל זעהן אַליין צו ווערן גרעסער און חשוב'ער, און אַזוי וועלן אַלע סיי-ווי איינזעהן אַז ער איז גרעסער פון זיין קעגנער...

דער ווילנער גאון זי"ע האָט יונגערהייט געשפילט מיט זיינע חברים אַ שפיל, אַ באַלקן איז געווען אויף אַן אייזערנעם שטאַנג, און צוויי יונגלעך זענען געזעסן אויף ביידע זייטן פונעם שטאַנג. דער שפיל איז געווען, אַז ווען איינער גייט אַראָפּ נידעריגער, גייט דער צווייטער - וואָס זיצט אויף דער אַנדערער זייט - אַרויף העכער (סיסאו בלע"ז). נאָך אַ קורצע צייט, האָט דער גאון אויפגעהערט צו שפילן דעם שפיל, זאָגנדיג: "ווי אַזוי קען איך שפילן אַ שפילעריי, וואָס דער געדאַנק דערפון איז, 'אַראָפּצוקלאַפּן' מיין חבר, דורך דעם וואָס איך ווער אויפגעהויבן העכער?!...".

ענליכעס ווערט דערציילט, אַז דער גאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל, האָט אַמאָל געזעהן ווי צוויי יונגלעך האָבן אַ וויכוח אויף דער גאַס, ווער פון זיי ס'איז העכער פון זיין חבר. אינעם הייסן וויכוח, האָט איין יונגל געגעבן אַ שטופּ זיין חבר, און ער האָט איהם אַראָפּגעשטופּט פון די שטיגן, און אַ זיגרייכער, האָט ער אויסגערופן: "יעצט בין איך דער העכערער, און דו ביזט נידעריגער"... האָט רבי ישראל סאַלאַנטער זיך אויסגעדרוקט גאָר שאַרף אויף דעם יונגל, און צוגעגעבן, אַז אַזאַ אויפפירונג ווייזט אויף מדות מגונות, ווייל דאָס יונגל מאַכט זיך גרויס דורך דעם וואָס ער וואַרפט אום אַ צווייטן איד.

**כ.** מיר ווייסן דאָך אַז דאָס לעבן אויף דער וועלט איז ליידער קורץ און פאַרבייגייענדיג: "ימי שנותינו בהם שבעים שנה, ואם בגבורות שמונים שנה" (תהלים צ, י). ממילא, צו דען לוינט זיך אַריינצולייגן אַזוי פיל כוחות אין אַ מחלוקת, אין אַ וועלט וואָס גייט אַזוי שנעל פאַרביי? היום כאן ומחר ב... בפרט אַז ביי יעדע זאַך אויף דער וועלט, ווען עס גייט אַדורך אַ יאָר אָדער צוויי, לאַכט דער מענטש פון זיך אַליין, אַז ער האָט געמאַכט אַן "עסק" פון יעדער נאַרישקייט, ווייל מיט די צייט, זעהט אַלעס אויס אין די אויגן פון די מענטשן ווי נאַרישקייטן, אפי' אויב די מחלוקת זעהט אויס בשעת מעשה ווי עס איז וועגן "דברים העומדים ברומו של עולם". בשעת מעשה, פּראָבירט דער יצר הרע איינצורעדן דעם מענטש אַז עס איז זייער "וויכטיג" פאַר איהם זיך צו קריגן מיט יענעם, און אויב

ער וועט איהם נישט יעצט גוט "מסדר זיין" ("צופיקסן" בלע"ז...), וועט נישט טויגן... אָבער ווען ער טוט זיך אויסשוכען פון זיין יצר הרע, זעהט ער דאָך איין אַז אַלעס איז נאַרישקייטן, און אויף דעם זאָגט דער רמב"ם ז"ל (הלכות דעות, פ"ז, ה"ז) "ראוי לו לאדם להיות מעביר על מדותיו על כל דברי העולם, שהכל אצל המבינים דברי הבל והבאי, ואינן כדי (כדאי) לנקום עליהם". עס איז ווערד פאַר'ן מענטש צו זיין אַ "מעביר על מדותיו" אויף אַלע זאַכן אויף דער וועלט, ווייל ביי די מענטשן וואָס פאַרשטייען, איז דאָך אַלעס נאַרישקייטן, און עס איז נישט כדאי צו נקמה נעמען דערפאַר.

עס איז באַקאַנט, אַז דער גאון רבי אפרים זלמן מרגליות זצ"ל, איז געווען זייער רייך, און האָט אַפילו פאַרמאָגט אַ באַנק. אַמאָל איז אין הויז פון רבי אפרים זלמן, אַראָפּגעפאַלן אַ גאָר טייערער און ווערדפולער קריסטאַל-פלאַש, און עס האָט זיך צובראָכן. רבי זלמן האָט זיך אָבער נישט געקימערט דערפון, כאָטש ס'איז געווען אַ גרויסער געלט-שאָדן. ער האָט ווייטער פאָרגעזעצט מיט זיינע סדר היום פון לימוד התורה, ווי גאָרנישט וואָלט פאַסירט. דאַקעגן, די רעביצין, וועלכע האָט געזעהן מיט אירע אויגן דעם גרויסן "בראָך", האָט זיך זייער געערגעט פונעם גרויסן שאָדן. אָבער נאָך מער פון אַלעם האָט איר געבאַדערט, צוזעהענדיג ווי איר מאַן קימערט זיך אינגאַנצן נישט מיט'ן געלט שאָדן, נאָר ער זיצט און לערנט רואיג, פונקט ווי פריער, גלייך ווי דער פלאַש וואָלט געקאָסט נישט מער ווי אַ פרוטה אָדער צוויי. האָט זי איהם געפרעגט, "וואָס ביזטו אַזוי רואיג? דו זעהסט דען נישט אַז מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן שאָדן?" האָט איר גרויסער מאַן, רבי אפרים זלמן, איר געענטפערט: "יעצט, קען איך דיר טאַקע נישט מסביר זיין פאַרוואָס כ'בין אַזוי רואיג... אין אַ יאָר פון יעצט, אם ירצה השם, וועל איך דיר דאָס געבן צו פאַרשטיין".

אַלזאָ, די רעביצין פון רבי אפרים זלמן מרגליות, האָט זיך קוים דערוואַרט ביז'ן "יאָרצייט" פונעם טייערן פלאַש, צו הערן איר מאַנ'ס הסבר. עטליכע סעקונדעס נאָך "שקיעת החמה" פונעם "יאָרצייט", האָט די רעביצין אַריינגעשפּאַנט אין ספרים-צימער פון איר גרויסן מאַן רבי אפרים זלמן, צו הערן זיין אויפקלערונג איבער זיין רואיגן געמיט פאַר אַ יאָר צוריק, ווען דער פלאַש האָט זיך צובראָכן. האָט איר מאַן איר געפרעגט, אויב עס טוט דיר נאָך אַלץ וויי דער שאָדן פונעם פלאַש, אויף וואָס זי האָט געענטפערט, אַז זי מוז מודה זיין, ניין, איצט שפּירט זי שוין נישט קיין שום צער און ווייטאָג אויפ'ן פאַרלוסט פונעם פלעשל. האָט רבי אפרים זלמן איר געפרעגט, "פאַרוואָס טאַקע טוט עס דיר מער נישט וויי?...", האָט זי געענטפערט:

- וואָס הייסט, עס איז דאָך שוין אַריבערגעגאַנגען אַ גאַנץ יאָר זינט דער פלאַש איז צובראָכן געוואָרן. נו, ווי לאַנג איז דער שיעור זיך צו 'עסן דאָס האַרץ' איבער אַ צובראָכענעם טייערן פלאַש?!...

האָט רבי אפרים זלמן איר געזאָגט:

- אָט דאָס איז דער חילוק צווישן מיר און דיר. איך בין 'אויפ'ן אָרט' עלטער געוואָרן מיט אַ יאָר...

ער האָט געמיינט צו זאָגן, איך האָב נישט געקוקט אויף דעם ענין מיט אַ קורצזיכטיגן בליק, אויף דעם וואָס עס האָט יעצט פאַסירט, נאָר איך האָב באַלד געטראַכט וואָס דער שאָדן וועט זיין אין אַ יאָר אַרום, און איך האָב פאַרשטאַנען אַז עס איז נישט כדאי צו מאַכן אַזאַ טומל דעריבער... (ער האָט צוגעגעבן: מיין שווער - דיין טאַטע - האָט מיך גענומען פאַר אַן איידים, ווייל כ'בין געווען אַן 'עילוי', וואָס די מעלה פון אַן 'עילוי' איז, אַז ער האָט אַ סאַך אַ שנעלערע 'תפיסה', אויפצוכאַפּן זאַכן, מער ווי אַנדערע איינפאַכע מענטשן. דעריבער האָב איך תיכף 'געכאַפּט' וואָס עס וועט זיין אַ יאָר שפּעטער...).

דער לימוד פון די מעשה פאַר אונז, איז ווי פאָלגענד: אָפט מאָל דאַכט זיך פאַר'ן מענטש, אַז ער קען נישט פאַרשווייגן פאַר'ן צווייטן די עוולה וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן איהם, ער האָט איהם קאַליע געמאַכט די פרנסה אָדער אַ שידוך א.א.וו., ער קען נישט פאַרשווייגן פאַר יענעם די "חוצפה" וואָס ער האָט געהאַט צו טשעפּען מיט איהם. ער שפּירט, אַז אויב ער וועט שווייגן, וועט ער חלילה אַראָפּ פון זינען... ממילא, גייט ער באַלד אַריין אין אַ מצב פון "פייער" ביז'ן הימל, אָבער שפּעטער, ווען עס גייט אַדורך אַ צייט, זעהט ער איין אַז עס איז אינגאַנצן נישט ווערד געווען די גאַנצע אויפרעגעניש, ווייל דער שאָדן איז גאָרנישט אַזוי גרויס ווי עס האָט אויסגעזעהן בשעת מעשה... און ער קען דאַן זיין יענעם לכף זכות, אָדער אפילו מוחל זיין איהם פאַר זיין עוולה. באמת, פאַרוואָס זאָל ער נישט טראַכטן בשעת מעשה, אַז אַזוי וועט עס זיין צום סוף... און כאָטש ס'איז שווער, איז דאָך אָבער "אין חכם כבעל נסיון". זאָל ער זיך מתבונן זיין אין אַלטע "מערכות" וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער טעם און ריח, און ער זאָל זיך גוט באַטראַכטן צו ער האָט נישט חרטה אויף יענע "מלחמות"... ממילא, איז כדאי צו זיין אַ "חכם הרואה את הנולד", און באַלד אין פאָראויס זיך באַרואיגן שוין יעצט, אינמיטן ברען פון די מחלוקת.

קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי מ'קריכט אַרויס דערפון צום סוף.

**דער** של"ה הקדוש זי"ע שרייבט ("שער האותיות", אות ב', בריות, יד) אַז דער איסור פון מחלוקת איז "במשהו", ווייל פון איין פונק פלאַקערט אויף אַ גאַנצער פלאַם פייער[כא], און דער פייער (פון מחלוקת) עסט אויף ביז'ן סוף רח"ל[כב], ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין ז.) "האי תיגרא דמיא לצינורא דבידקא דמא". אַ קריגעריי איז גלייך צו אַ רער פון וואַסער, זאָגט רש"י: "לצינורא דבידקא - ווען דער טייך וואַקסט, גייט דאָס וואַסער פונעם טייך אָפּט מאָל אַריבער צו די דערנעבנדיגע פעלדער, אַזוי ווי קליינע רערלעך, וואָס אויב מ'פאַרשטאָפּט עס נישט באַלד, ווערט עס ברייטער און ברייטער און מ'קען עס שוין מער נישט פאַרשטאָפּן, און אַזוי זאָגט דער פסוק (משלי יז, יד) "פוטר מים ראשית מדון, ולפני התגלע הריב נטור", דאָס הייסט, דער אָנהייב פון די קריגעריי איז ענליך צום עפענען אַ וואַסער-רער, וואָס אויב מ'שטעלט עס נישט אָפּ באַצייטנס, קען מען עס מער נישט פאַרשטאָפּן.

**דאָס** זעלבע איז ביי מחלוקת, וואָס ציט זיך אָפּט מאָל לאַנגע יאָרן, ווען עס איז שוין כמעט פאַרגעסן געוואָרן די סיבה פון די מחלוקת, אָבער דער פייער פלאַקערט נאָך. אויב מ'וואָלט געדענקט דעם אָנהייב און דעם שורש פון די קריגעריי, וואָלט מען שוין לאַנג שלום געמאַכט מיט'ן צווייטן צד, נאָר וויבאַלד מ'האָט צוגעלייגט "היי און שטרוי" צום פייער, ברענט עס ווייטער און פאַרלענדן יעדן גוטן פונק. אָבער דער מענטש וואָס האָט שכל, מאַכט זיכער אַז די מחלוקת זאָל נישט ווערן גרעסער[כג], ווי דער "פלא יועץ" שרייבט (ערך כעס) אַז דאָס שווייגן אין צייט פון אַ כעס[כד], איז אַזוי ווי

**כא.** די ספרים ברענגען אַ משל, ווען אַ פייער ברענט אין אַ שוועבל, קען מען עס לייכט פאַרלעשן, דורך געבן בלויז איין בלאָז מיט'ן מויל. אָבער ווען עס האָט שוין אויפגעפלאַמט אַ גרויסער פייער ח"ו, איז זייער שווער עס צו פאַרלעשן.

**כב.** אַמאָל ווען דער פּאָניעוועזשער רב, הגאון רבי יוסף שלמה כהנמאן זצ"ל, איז געווען אין ענגלאַנד, צו שאַפן געלט פאַר זיין ישיבה אין בני ברק, האָט איינער איהם זייער שטאַרק געטשעפּעט און שטאַרק פאַרשעמט מיט גרויס חוצפּה. די אָרטיגע רבנים האָבן זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט יענעם פאַר זיין שרעקליכן אַקט, אָבער דער פּאָניעוועזשער רב האָט בשום-אופן נישט געלאָזט זיך אָננעמען פאַר זיין כבוד. האָבן די רבנים זיך געוואונדערט: גאַנץ רעכט דער רב איז מוחל אויף זיין כבוד, צוליב זיין גרויסע ענוה, אָבער פאַרוואָס גייט איהם אַזוי אין לעבן אַז אויך מיר זאָלן זיך נישט אָננעמען פאַר'ן כבוד התורה, וואָס איז אַזוי פאַרשעמט געוואָרפן?

האָט דער פּאָניעוועזשער רב זיי געענטפערט:

- מיין רבי, דער 'חפץ חיים' זצ"ל, האָט מיר אַמאָל געזאָגט: 'דו וועסט מצליח זיין אין אַלע דיינע וועגן, ממש אין יעדע זאַך, אויסער איין זאַך: מחלוקת... אין דעם וועסטו קיינמאָל נישט זעהן אַ הצלחה. וועגן דעם וויל איך בשום אופן נישט אַז איר זאָלט מוחה זיין און זיך אָננעמען פאַר מיין כבוד, ווייל דאַן וועל איך אַרויסגיין מיט אַ שאָדן...

**כג.** מורא'דיגע ווערטער, שרייבט דער הייליגער רבי פון לובלין זי"ע ("אור הנפלאות", כח, מובא בס' "אבני זכרון", ערך מחלוקת)

"טוב להיות בשלום עם חבירו הגם שהוא בשקר, מלהיות במחלוקת עם חבירו הגם שהוא באמת". עס איז בעסער צו לעבן גוט מיט'ן חבר, אפילו אויב ס'איז מיט שקר (ער מיינט עס נישט ערנסט), ווי צו זיין אין אַ מחלוקת מיט'ן חבר, כאָטש די מחלוקת איז אַן אמת'ע.

הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט ("אמרי פנחס", עשרת ימי תשובה, אות תקיג): "ס'איז בעסער אַוועקצולייגן אַ סאַך מצוות, כדי עס זאָל נישט זיין אַ פירוד לבבות אַפילו מיט איין איד".

**כד.** דער גאון רבי מאיר אריק זצ"ל, טאַרנער רב, האָט געטייטשט (געברענגט אין די הקדמה צום ספר "טל תורה" החדש, אין נאָמען פון הגאון רבי שמואל הלוי וואָזנער זצ"ל גאב"ד זכרון מאיר בני ברק, וואָס ער האָט עס געהערט פון זיין רבי'ן הגאון רבי מאיר שפּירא זצ"ל אב"ד לובלין, אין נאָמען פון הגר"מ אריק) דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (טז, יא) "ואהרן מה הוא כי תלינו עליו". די גמרא זאָגט (עירובין סה:) אַז מ'קען דערקענען אַ מענטש, ביי דריי זאַכן: "בכיסו, בכוסו, בכעסו". מיט זיין "בייטל" (ווען עס האַנדלט זיך אין געלט), **מיט זיין בעכער** (ווען ער ווערט שיכור און רעדט זאַכן וואָס ניכטערערהייט וואָלט ער קיינמאָל נישט געזאָגט) און ווען ער בייזערט זיך. האָט משה רבינו ע"ה געזאָגט צו קרח: אויב איר ווילט וויסן דעם אמת'ן מהות פון טבע

וואסער פאר'ן פייער, וואס דאס וואסער לעשט אויס דעם פייער[כה].

**מיר** געפינען אין פרשת לך לך (בראשית יג, ח) "ויאמר אברם אל לוט, אל נא תהי מריבה ביני ובינך". אברהם אבינו ע"ה האט געזאגט צו לוט, 'איך בעט דיך, ס'זאל נישט זיין א קריגעריי צווישן מיר און צווישן דיר'.

**שרייבט** דער של"ה הקדוש (פ' לך, אות לג) אז ער האט געהערט בדרך צחות (אזוי שרייבט דער אלשיך הקדוש אין דער היינטיגער סדרה), אז אברהם האט די געזאגט "מריבה" וועלכע איז א לשון נקיבה, (און נישט "ריב" בלשון זכר), ווייל עס האט זיך דאך שוין אנגעהויבן די קריגעריי צווישן די פאסטוכער פון אברהם און די פאסטוכער פון לוט, וועגן דעם האט אברהם געזאגט, אז למען ה' זאלן זיי אויפהערן זיך צו קריגן איינער מיט'ן אנדערן, און עס זאלן נישט געבוירן ווערן דא א מחלוקת וואס ווערט אייביג שטארקער און גרעסער. וועגן דעם האט ער געזאגט, אל נא תהי "מריבה" - לשון נקיבה, אזוי ווי א פרוי וואס "געבוירט" קינדער. עס איז גענוג אז די קריגעריי זאל זיך נאר אנהייבן, ווייל דאן וועט עס זיך פארגרעסערן. ענדערש זאלן זיי זיין אזוי ווי א "זכר" וואס געבוירט נישט... עכ"ל.

**זאגט** דער שלה"ק הקדוש ווייטער, "דעריבער, דער מענטש וואס ווילן זוכה זיין צו זעהן דאס פנים פון דער שכינה, זאל ער אנטלויפן פון די זוהמא פונעם שלאנג, און ער זאל זיך דערווייטערן פון מחלוקת, אפילו פון דעם קלענסטן טייל דערפון, און וואס האב איך מאריך צו זיין איבער די שאנדע פון מחלוקת, אלע ספרים זענען דאך פול דערמיט".

**"נקוט האי כללא בידך"** - נעם דיר דעם כלל אין דיין האנט אריין: די עבירה פון מחלוקת איז הארבער ווי די זינד פון עבודה זרה! אפילו דער ערגסטער איד וואלט אוודאי געהאט מסירות נפש נישט צו דינען עבודה זרה, און אויב אזוי, ווי וועט ער נישט האבן מסירות נפש זיך צוריקצוהאלטן פון מאכן א מחלוקת וואס איז ערגער פון עבודה זרה?! עכ"ל.

**אויך** דער מענטש וואס שטייט אין א זייט (און ער איז נישט א צד אין די מחלוקת) דארף זיך פארמיידן נישט

---

פון מיין ברודער ("ואהרן מה הוא"), קענט איר איהם נאר אויספראבירן נאר אויף איין וועג: "כי תלינו עליו" - צו פרובירן איהם אויב ער וועט אריינפאלן אין דעם נסיון פון כעס, ווען איר וועט זיך קריגן מיט איהם. אויף די אנדערע צוויי אופנים, וועט איר איהם נישט קענען אויספראבירן. "בכיסו" איז נישט שייך אויסצופראבירן איהם, ווייל די גמרא זאגט (יומא ח.) "גדלהו משל אחיו", דער כהן גדול איז געווען גרעסער אין רייכטום פון אלע אנדערע אידן. "בכוסו" - מיט'ן בעכער - קענט איר איהם אויך נישט אויספראבירן, ווייל א כהן וואס טוט די עבודה, טאר דאך נישט טרינקען וויין. ממילא קענט איר איהם נאר אויספרואוון דורך מאכן א מחלוקת קעגן איהם ("כי תלינו עליו"), און דאן וועט איר זעהן, אז איר וועט נישט קענען אריינברענגען חלילה אין א מצב ער זאל ווערן אין כעס.

**כה.** א איד האט זך באקלאגט פאר הרה"ק רבי הערשעלע זידיטשויב'ער זי"ע, אז א צווייטער רודפ'ט איהם און ער פארשאפט איהם דערמיט א סאך צער. האט רבי הערשעלע זידיטשויב'ער איהם געזאגט:

- יעדער שטריק, האט צוויי עקן. כדי אויסצוציען דעם שטריק, דארף מען שלעפן דעם שטריק פון ביידע עקן - ביי יעדן עק פונעם שטריק, דארף שטיין א מענטש און שלעפן דעם שטריק. אויב איינער פון די צוויי מענטשן וועט נאכלאזן דעם שטריק, וועט דער שטריק זיך מער נישט קענען אויסציען. נאך מער: דער מענטש וואס שלעפט דעם שטריק ביים צווייטן עק, וועט צוריקפאלן ווען יענער וועט נאכלאזן דעם שטריק... דאס זעלבע איז מיט דיר. אויב דו וועסט זיך צוריקהאלטן פון ענטפערן יענעם וואס רודפ'ט דיך, און דו וועסט זיך איינאנצן נישט וויסנדיג מאכן פון איהם, וועט ער ממילא פאלן פון זיך אליין...

הרה"ק מסאטמאר זי"ע האט געטייטשט דעם פסוק (תהלים קכ, ז) "אני שלום וכי אדבר המה למלחמה". די גמרא זאגט (ר"ה ג.) אז דאסווארט "כי" האט פיר טייטשן. "אי", "דילמא", "אלא", און "דהא". זאגט דער פסוק: "אני שלום", אויב איך וויל לעבן בשלום מיט יעדן איינעם, דארף איך זיך פירן אויף א קלוגן אופן מיט מענטשן. "וכי אדבר - איך דארף זיך צוגעוואוינען צו רעדן מיט די מענטשן אויף "פיר" לשונות, אמאל מיט ווייכע רייד, אמאל מיט שטילשוויגן, נישט צו ענטפערן בכלל. אבער "המה" אויב ער ענטפערט יענעם, ער שווייגט נישט, אזוי ווי דאס ווארט "המה" וואס לייענט זיך "אהין און צוריק"... "למלחמה" - אזא מהלך וועט גורם זיין מחלוקת און רייבערייען מיט אנדערע מענטשן...

אויסצודרוקן אַ שטעלונג ביי אַ מחלוקת[כו], ווייל קיינער איז נאָך נישט אַרויס גאַנץ און ריין פון האַנדלען מיט בלאָטע[כז]. דערפאַר דאַרף דער מענטש האַלטן די אויגן אָפען באַלד ביים אָנהייב פון וועג, איינצוהאַלטן באַצייטנס די גאַנצע מערכה וואָס וועט אויף איהם קומען אויב ער וועט נאָר אַריינפאַלן אין אַ מחלוקת, אַפילו "בטעות".

די משנה זאָגט (אבות פ"א, מ"ב) "הוי מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום". דו זאָלסט זיין פון די תלמידים פון אהרן הכהן, וואָס ער האָט ליב געהאַט שלום, און ער האָט נאָכגעלאָפן שלום. און דער רמב"ן ז"ל זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (טז, ד) "וישמע משה ויפול על פניו", אַז לכאורה איז שווער, פאַרוואָס זאָגט דער פסוק אַ לשון יחיד, אַז נאָר משה איז געפאַלן אויף זיין פנים, און נישט אַז ביידע, משה און אהרן, זענען געפאַלן אויף זייערע פנים'ער? קרח האָט זיך דאָך געקריגט מיט ביידע, מיט משה, און מיט אהרן? פאַרוואָס איז אהרן נישט געפאַלן אויף זיין פנים?

---

**כו.** דער דזשיקוב'ער רב, הרה"ק בעל "אמרי נועם" זי"ע, האָט געזאָגט אַ משל (ווען ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמישן אין די מחלוקת צווישן דעם הייליגן צאַנזער רב זי"ע און די קינדער פון הייליגן רוזינער זי"ע), דער לייב, וועלכער איז דער קעניג פון די חיות, האָט אַ לאַנגע צייט נישט געגעסן, אזש אַז עס האָט זיך געשפירט פון זיין מויל אַ שלעכטער ריח. האָט דער לייב געלאָזט רופן דעם אייזל, און ער האָט איהם געפרעגט, וואָס פאַראַ ריח האָב איך אין מיין מויל? האָט דער אייזל געענטפערט, "דער הער קעניג זאָל מיר מוחל זיין, אָבער זיין מויל גיט אַרויס ווייט-ווייט אַ שלעכטן ריח". איז דער לייב אַריינגעפאַלן אין אַ כעס, און ער האָט איהם אָנגעשריגן: "אַזוי רעדט מען צו אַ קעניג?...", און ער האָט איהם פאַרצוקט אויפ'ן אָרט.

דערנאָך האָט דער לייב געשיקט רופן דעם וואָלף, און אויך איהם, האָט ער געפרעגט וואָס פאַראַ ריח עס שפירט זיך פון זיין מויל. האָט דער וואָלף איהם שוין נישט געגעבן דעם זעלבן ענטפער ווי דער אייזל, ווייל ער האָט דאָך געזעהן דעם סוף וואָס דער אייזל האָט געהאַט ווען ער האָט געזאָגט פאַר'ן לייב דעם אמת וועגן דעם ריח פון זיין מויל. האָט דער וואָלף געענטפערט, אַז עס שפירט זיך גאָר אַ גוטער ריח - 'ממש ווי פון רויזן און בלומען' - פונעם לייב'ס מויל... האָט דער לייב זיך צעבייזערט אויפ'ן וואָלף: "דו זאָגסט דאָך ליגנט!", און ער האָט פאַרצוקט אויך דעם וואָלף.

ווען ס'איז איז דורכגעגאַנגען אַ פוקס, דער קלוגסטער פון די חיות, האָט דער לייב איהם צוגערופן, און איהם געפרעגט וואָס פאַר אַ ריח עס שפירט זיך פון זיין מויל. האָט דער קלוגער פוקס געענפערט פאַר'ן קעניג:

- עס טוט מיר זייער לייד, אָבער כ'קען נישט ענטפערן דעם קעניג וואָס פאַראַ ריח עס שפירט זיך פון זיין מויל, ווייל איך בין שטאַרק פאַרקילט, און איך האָב נישט אַ גוטן 'חוש הריח', צו וויסן דעם ריח פון מיינע אַרומיגע...

דער נמשל איז, דער מענטש דאַרף זיך אַזוי פירן ביי אַ מחלוקת. ער זאָל נישט אויסדרוקן אַ מיינונג און אַ שטעלונג ווי איינע פון די צדדים. ער זאָל זיך מאַכן ווי דער קלוגער פוקס, וואָס האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער איז נישט אימשטאַנד צו שמעקן, און אַזוי איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם גאון בעל "שבט הלוי" זצ"ל (וועלכער איז נסתלק געוואָרן אין עלטער פון איבער 100 יאָר), "במה הארכת ימים" - אין וועלכן זכות, האָט דער רב זוכה געווען צו אריכות ימים? האָט הרב וואָזנער געענטפערט:

- שוין 70 יאָר וואָס איך דין אַלס רב און מורה הוראה אין בני ברק, און איך האָב אַלע יאָרן אויסגעוויילט צו שווייגן און נישט מישן זיך אין מחלוקת. איינער וואָס האָט אַ פאַרשטאָפּטע נאָז און ער קען נישט "שמעקן", איז זוכה צו אריכות ימים. "שומר פיו ולשונו, שומר מצרות נפשו".

**כז.** דער "חידושי הרי"ם" זי"ע זאָגט (פרשתינו, ד"ה "הוא דתן ואבירם"), לכאורה איז שווער, די נעמען פון דתן און אבירם ווערן דאָך קלאָר דערמאנט ביי די מחלוקת פון קרח: "ויקח קרח וגו' ודתן ואבירם", כאָטש זיי האָבן אינגאַנצן נישט געמיינט זייער אייגענעם נוצן, ווייל זיי האָבן דאָך נישט געשטאַמט פון שבט לוי, און פון דער צווייטער זייט, די 250 מענטשן וואָס האָבן מקריב געווען קטורת, זענען דאָך מסתמא געווען פון שבט לוי, פונדעסטוועגן, האָט די תורה זיי געשוויגט און זייערע נעמען ווערן נישט דערמאנט אין דער תורה. לכאורה וואָלט געדאַרפט זיין פאַרקערט, אַז מ'זאָל דערמאנען צו אייביגע שאַנדע די נעמען פון די מענטשן וואָס האָבן געמיינט זיך, זייער אייגענעם כבוד און גרויסקייט?

ענטפערט דער "חידושי הרי"ם", אַז מ'קען נאָך מוחל זיין פאַר אַ מענטש וואָס ער קען זיך נישט שטאַרקן אויף זיין יצר הרע פון כבוד און ער זוכט צו ווערן גרעסער און חשוב'ער, אָבער אַ בעל מחלוקת "לשם מחלוקת", וואָס איז פשוט אַ "מחרחר ריב", ער רודערט-אויף קריגערייען צווישן מענטשן, אויך אויב ער האָט נישט דערפון אַ טובת הנאה, אַזאַ איינער האָט נישט קיין מחילה, און מ'דאַרף דערמאנען זיין נאָמען לגנאי.

**ענטפערט** דער רמב"ן, אַז אהרן האָט מיט זיין גרויסע קדושה, נישט געענטפערט אַפילו איין וואָרט ביי די גאַנצע מחלוקת. ער האָט געשוויגן ווי אַ מענטש וואָס איז מודה אַז קרח איז גערעכט מיט זיינע טענות, און קרח איז טאַקע ראוי - מער ווי ער, אהרן - צו זיין דער כהן גדול, נאָר דאָס וואָס ער, אהרן, איז דער כהן גדול, איז נאָר דערפאַר ווייל אַזוי האָט משה באַפוילן, און דאָס איז די גזירה פונעם באַשעפער ברוך הוא.

**אויף** דעם זאָגט דער תנא, דו זאָלסט זיין "מתלמידיו של אהרן", דאָס הייסט, דו זאָלסט נאָכלויפן דעם שלום און מוותר זיין פון דיין חלק[כח], ווייל "אין אדם המוותר משלו ומפסיד", דער מענטש וואָס איז מוותר פון זיינס פאַר אַ צווייטן, האָט קיינמאָל נישט שאָדן דערפון.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל ואמרו אמן, און עס זאָל אויפגעבויט ווערן דער בית המקדש במהרה בימינו, מתוך רחמים וחסדים והשפעות טובות, אמן.

---

**כח.** אדרבה, ער זאָל נאָך צוריקצאָלן אַ טובה פאַר אַ רעה. איך האָב געהערט פון הרה"צ רבי צבי אלימלך קאָרנרייך זצ"ל, אַז ער איז געווען אָנוועזנד בשעת מעשה. דער באָבוב'ער רב, כ"ק אדמו"ר מהר"ש זצ"ל, איז אַמאָל געזעסן "שבעה" ל"ע און כ"ק אדמו"ר מליובאוויטש זצ"ל איז געקומען מנחם-אבל זיין דעם באָבוב'ער רב. בשעת מעשה, איז דאָרט געווען אַ רב וועלכער איז געווען אַ גרויסער פוסק נאָך אין דער תקופה פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה. יענער רב האָט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ שרעקליכע פגיעה אינעם כבוד פון ליובאַוויטשער רבי'ן.

אַ צייט שפּעטער, האָט דער ליובאַוויטשער רבי געשיקט בעטן יענעם רב, ער זאָל קומען דינען אַלס מגיד שיעור אין זיין ישיבה, און כאָטש יענער רב האָט נישט אָנגענומען דעם פּאָסטן (צוליב פּערזענליכע סיבות) האָט דער ליובאַוויטשער רבי זינט דאַן איהם געשיקט אַ געהאַלט ביז יענער איז נפטר געוואָרן... דאָס אַלעס, מיט'ן ציל אַז ער זאָל נישט טראַכטן אַז דער רבי האָט אויף איהם אַ הקפדה, ווייל ער האָט מזלזל געווען אין זיין כבוד.

די קדמונים זאָגן, דער גאַנצער בנין פון כלל ישראל איז געבויט געוואָרן נאָר אין זכות פון וותרנות. די הייליגע אמהות שרה און רחל זענען געווען עקרות, און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער נאָר נאָך דעם ווי זיי האָבן אַריינגענומען אַ "צרה" (קאָנקורענט, שרה האָט גענומען הגר, און רחל האָט אַריינגענומען בלהה) אין שטוב. אַזוי זענען זיי אַליין אויך געהאָלפן געוואָרן מיט קינדער.

אַמאָל האָבן עטליכע עסקנים געטשעפּעט מיט דעם גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, און אַ געוויסע עסקן האָט זיך געוואָלט אָננעמען פאַר זיין כבוד, און אַרויסקומען מיט אַ מחאה קעגן יענע עסקנים, האָט רבי שלמה זלמן איהם געזאָגט: "וויסן זאָלסטו, אַז קיינער האָט נאָך נישט שאָדן געהאַט פון אַ וותרנות אין צייט פון מחלוקת. בעט איך דיך דעריבער, דו זאָלסט שווייגן און נישט אויפפלאַקערן אַ מחלוקת, חלילה".

הג"ר אליעזר טורק שליט"א, רב און מורה הוראה אין קרית ספר, דערציילט אַ מעשה וואָס איז לעצטענס פאָרגעקומען אין זיין קהילה. שכנים האָבן אַרויסגעדינגען צימערן, און ס'איז געוואָרן אַ שאלה, ווער פון די שכנים ס'דאַרף צאָלן פאַר די וואַנט וואָס מ'האָט צוגעבויט. א נושא וואָס די בתי דינים זענען שטענדיג פאַרנומען דערמיט.

איז געווען אַ מעשה, עס איז געווען אַ וויכוח צווישן שכנים, ווער עס דאַרף צאָלן, און איינער פון די שכנים האָט געזאָגט, אַז ער וועט באַצאָלן די פינף טויזענט שקלים פאַר די צוגעבויטע וואַנט. ער האָט געזאָגט צו זיינע בני בית:

- דאָס צובויען דעם צימער האָט אונז געקאָסט 150 טויזענט שקלים, וועט עס קאָסטן נאָך פינף טויזענט שקלים!

דער יונגערמאַן האָט געזאָגט פאַר דעם "קאָנטראַקטאָר", אַז אַזוי ווי ער איז איהם נאָך שולדיג 15 טויזענט שקלים (פון דעם סך הכל פון 150 טויזענט), וועט ער איהם געבן 20 טויזענט שקלים. ער האָט איהם טאַקע אָפּגעשריבן אַ טשעק, אויסגעשטעלט אויף אַ חודש שפּעטער.

ווען דער חודש איז אַדורכגעגאַנגען, האָט דער יונגערמאַן געפרעגט דעם בויער פון דעם צימער, וואָס איז געוואָרן מיט'ן טשעק, און יענער האָט איהם געזאָגט, אַז ער האָט דערמיט באַצאָלט פאַר דעם אַראַבער וואָס פירט אָן די אַרבייט ביי איהם.

דאַן איז דער יונגערמאַן געגאַנגען אין באַנק, פאַראינטערעסירענדיג זיך וואו דער טשעק איז. אין באַנק, האָבן זיי אָבער נישט געוואוסט צו זאָגן וועגן אַ טשעק אויף די סומע פון 20 טויזענט שקלים, צו עס איז אַדורכגעגאַנגען. ווען ער האָט געזעהן אַז דער טשעק איז נישט אַרויסגעקומען פון באַנק, האָט ער טעלעפאָנירט צו יענעם אַראַבער, און געפרעגט וואָס עס הערט זיך מיט דעם טשעק.

נו, אַן אַראַבער שעמט זיך דאָך נישט... האָט ער איהם דערציילט דעם אמת, אַז ער האָט צוגעשריבן נאָך אַ "זעראָ" (ס) צו דער סומע פון 20 טויזענט שקלים, אַז דער טשעק זאָל זיין אויף 200 טויזענט שקלים... ווען דער באַנק-באַאַמטער האָט אָבער געזעהן דעם טשעק, האָט ער איהם געפרעגט, ווי קען זיין אַז ביי די נומערן שטייט 200 טויזענט, בשעת ביי די ווערטער שטייט געשריבן "עשרים אלף שקל"?!... ווען דער אַראַבער האָט זיך דערשראָקן אַז ער פאַלט דאָ אַריין אין "חקירות ודרישות", האָט ער איבערגעלאָזט דעם טשעק און איז אַנטלאָפן פון באַנק...

בקיצור, צוליב דעם וואָס דער יונגערמאַן האָט מוותר געווען פאַר'ן שכן פינף טויזענט שקלים, האָט ער פאַרדינט 20 טויזענט שקלים!...

פון אַזאַ מעשה, קענען מיר זיך אויסלערנען אַביסל ווי אַזוי צו "מאַכן ביזנעס". אַז מען איז מוותר אויף 5 טויזענט שקלים, פאַרדינט מען 20 טויזענט שקלים.